STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11305

LEONARDO DA VINTSHI

Valentin Tikhonovich Ditiakin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּראָפּעסאָר וו. ט. דיטיאַקין

לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי

פראָפעסאָר וו. ט. דיטיאקין

לעאנארדא דא ווינטשי

פארלאג „יידיש בוך" ווארשע 1952

Prof. W. T. Ditiakin

LEONARDO DA VINCI

Przełożył z rosyjskiego: H. Gliksztok

איבערגעזעצט פֿון רוסיש: ה. גליקשטאָק

Redaktor: L. Olicki

רעדאַקטאָר: ל אָליצקי

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa 1952 r.

Nakład 5.500 egz. Ark. druk. 2,75 Ark. wydawn. 2, Papier druk. sat. 80 gr.
Nr. zam. 446 Druk ukończono w sierpniu 1952 r.
Druk. RSW „Prasa" Warszawa ul Tarczyńska 8 3-B-50876

כדי צו פֿאַרשטאַרקן די קולטור־פֿאַרבינדונגען צווישן די פֿעל־קער, כדי צו פֿאַרפֿעסטיקן און פֿאַרברייטערן דעם פֿראָנט פֿון די קעמפֿער פֿאַר אייניקייט (?) די וועלט־קולטור פֿון דער באַרבאַרישער, צעשטערערישער טעטיקייט פֿון די אונטערצינדער פֿון א נייער וועלט־מלחמה — די אַמעריקאַנישע און ענגלישע אימפּעריאַליסטן — האָט דער אַלוועלטלעכער שלום־ראַט הייאָר גערופֿן פֿייערלעך אָפּצומערקן דעם יובילײ פֿון די גרויסע שעפֿער פֿון דער וועלט־קולטור, וואָס זייערע שאַפֿונגען זענען געוואָרן דאָס אייגנטום פֿון דער גאַנצער פֿאָרגעשריטענער מענטשהייט. איינער פֿון די דאָזיקע גרויסע פֿאָרשטייער פֿון דער וועלט־קולטור איז דער באַרימטער זון פֿון איטאַליענישן פֿאָלק — דער גרויסער מאָלער, דענקער, געלערנטער און דערפֿינדער לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי.

די רענעסאַנס־עפּאָכע.
דער לעבנס־וועג פֿון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, זיין וועלט־אָנשויונג.

לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי האָט געלעבט און איז טעטיק געווען אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע.

„דאָס איז געווען, — האָט ענגעלס געשריבן וועגן דאָזיקן געשיכטע־פּעריאָד — די גרעסטע פּראָגרעסיווע איבערקערעניש, וועלכע די מענטשהייט האָט ווען עס איז איבערגעלעבט, אַן עפּאָכע, וואָס האָט זיך גענייטיקט אין טיטאַנען און וואָס האָט אַרויסגעגעבן טיטאַנען לויט דער קראַפֿט פֿון געדאַנק, ליידנשאַפֿט און כאַראַקטער,

לויט דער פילזייטיקייט... ס'איז דעמלט כמעט נישט געווען קיין איין באַדייטנדיקער מענטש, וועלכער זאָל נישט האָבן דורכגעמאַכט קיין ווייטע רייזעס, נישט קאָנען זיך באַגיין מיט פיר אָדער פינף שפּראַכן, נישט האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף עטלעכע שאַפונגס-געביטן (און דאָס נישט נאָר אין טעאָרעטישן זין, נאָר אויך אין פּראַקטישן לעבן...); לעאָנאַרדאַ דאַ ווינטשי איז געווען נישט נאָר אַ גרויסער מאָלער, נאָר אויך אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער, מעכאַניקער און אינזשיניער, וואָס די סאַמע פאַרשידנסטע צווייגן פון דער פיזיק האָבן איר צו פאַרדאַנקען וויכטיקע דערפינדונגען"*).

די רענעסאַנס-עפּאָכע איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע און מערקווירדיקסטע עפּאָכעס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דעמלט נעמלעך האָט די מענטשהייט ווי זיך אויפגעכאַפּט פון יענעם יאָרהונדערטער-לאַנגן, דערדריקנדיקן שלאָף, אין וועלכן זי איז פאַרזונקען געווען אַדאַנק דער הערשאַפט פון די פעאָדאַלן און דער קאַטוילישער קירך.

דער וווּקס פון די שטעט, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אין 12-טן יאָרהונדערט און איז באַזונדערס פרי און שטורמיש פאָרגעקומען אין איטאַליע, די אַנטוויקלונג פון האַנטווערקעריי און מאַנופאַקטור, דער וווּקס פון האַנדל האָבן גורם געווען גרויסע ענדערונגען אין דעם גאַנצן סיסטעם פון די געזעלשאַפטלעך-עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, וואָס האָבן דעמלט געהערשט. די נייע דערשיינונגען אין דער עקאָנאָמיק — דאָס פאַנאַנדערלייגן זיך פון דער פעאָדאַלער אָרדענונג און דאָס אַנטשטיין פון אַ נייער, אַ בורזשואַזער — האָבן דערפירט עס זאָלן זיך איינברעכן די איינגעפונדעוועטע אָנשוויונגען און מנהגים. לעבן די ביז איצטיקע הערשער — די וועלטלעכע און גייסטלעכע פעאָדאַלן (די רייכע מאָנאַסטירן, ריזיקער בנין פון דער קאַטוילישער קירך, וואָס קרוינט דאָס אַלץ — דאָס פויפּסטנטום, דער פויפּסטלעכער טראָן, דער וואַטיקאַן) שטעלן זיך איצט נייע הערן פון דעם סוחרטום און די רייכע מאַנופאַקטור-אייגנטימער. זייערע אינטערעסן זענען אין אַ סך זאַכן געווען קעגנזעצלעך צו די אינטערעסן פון די פעאָדאַלן, און דער געראַנגל, וואָס איז צווישן זיי אַנטשטאַנען, האָט זיך פאַרענדיקט אין די גרעסטע צענ-

*) ק. מאַרקס, פ. ענגעלס זאַמלונג, באַנד 14, זייט 476.

טערן פון האַנטווערקעריי און האַנדל (פלאָרענץ, ווענעדיג, גענוּאַ און אַנד.) מיטן אויסבילדן זיך פון סוחרישע רעפובליקן.

דער דאָזיקער נייער געזעלשאַפטלעכער קלאַס — די בורזשואַזיע — האָט געהאַט זיינע אייגענע אינטערעסן, זיין וועלט־אַנשויונג, וואָס האָט זיך אונטערשיידט פון דער וועלט־אַנשויונג פון די פעאָדאַלן. אויב די לעצטע זענען פעסט געשטאַנען אויף די פאָזיציעס פון אויפהאַלטן די אַלטע אָרדענונג — די הערשאַפט פון דעם ערדבאַזיצערישן אַדל און דער פעאָדאַלער לייבאייגנטימערישער עקספּלאָאַטאַציע פון פויערטום, די הערשאַפט פון דער קאַטוילישער קירך, די געטרייע דינערין פון די הערשנדיקע קלאַסן, מיט איר איינמאָל פאַר אַלעמאָל איינגעשטעלטע „אמתן“ — האָט די בורזשואַזיע געפאָדערט אַזאַ אָרדענונג, ביי וועלכער זי זאָל האָבן די אויבערהאַנט און ווו עס זאָלן באַזייטיקט ווערן אַלע שטערונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון איר הערשאַפט.

די נייע עקאָנאָמישע דערשיינונגען האָבן אריינגעבראַכט ריזיקע ענדערונגען אינעם לעבן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. ס'האָבן זיך א וואַקל געטאָן און צעטרייסלט די פונדאַמענטן פון די פעאָדאַל־לייבאייגנטימערישע פאַרהעלטענישן. די אַנטוויקלונג פון האַנטווערקעריי און מאַנופאַקטורן אין די שטעט האָט געשאַפן א כסדר אָנוואַקסנדיקע מאַסע פון האַנטווערקער און אַרבעטער, וועלכע זענען די ערשטע אַרוים אין קאַמף סיי מיט די פעאָדאַלן, סיי מיט די נייגעקומענע באַלעבאַטים — מיט דער בורזשואַזיע. די גאַנצע געשיכטע פון דעם 14־טן ביזן 16־טן יאָרהונדערט אין איטאַליע איז פול מיט אויפשטאַנדן פון די שטאָטישע אונטערשיכטן און דעם פויערטום. די באַטייליקטע אין די דאָזיקע אויפשטאַנדן, וועלכע זענען צום ערשטן מאָל ארויסגעטראָטן אויף דער אַרענע פון פאָליטישן קאַמף, זענען נאָך געווען, פאַרשטייט זיך, זייער נישט אָרגאַניזירט, זענען ארויסגעטראָטן צעשטויבט, סטיכיש, נישט האָבנדיק כמעט קיין שום טעטיקייטס פראָגראַם.

אין דעם דאָזיקן סטיכישן, אָבער פאַרעקשנטן און פאַרביסענעם קאַמף פון די פאָלקס־מאַסן קעגן דער פעאָדאַלער אָרדענונג פאַר פאַרבעסערן זייער רעכטלאָזע, אונטערדריקטע לאַגע, האָט זיך אויסגעבילדעט א נייע וועלט־אַנשויונג, א נייע קולטור, וואָס איז געווען שטאַרק קעגנזעצלעך דער אַלטער ביז איצט הערשנדיקער קולטור פון די פעאָדאַלע פני. נאָר דאָס, וואָס דאָס פאָלק האָט

פארלאנגט אין זיין קאמף מיט די פעאדאלן אין יענעם געשיכטלעכן פעריאד, האט די בורזשואזיע אויסגענוצט פאר אירע אינטערעסן. אויך פאר איר איז נייטיק געווען די ליקווידאציע פון דער הערשאפט פון די פעאדאלן, די באפרייונג פון דער פערזענלעכקייט, דאס שאפן ברייטע מעגלעכקייטן פאר דער פארווירקלעכונג פון אירע צילן. דער קאמף פאר די דאזיקע פרינציפן פון א נייער קולטור האט באקומען דעם נאמען „הומאניזם" פונעם ווארט „הומאנוס", מענטשלעכער, אין קעגנזאץ צו דער אלטער פעאדאלער קולטור און דער וויסנשאפט, וואס איז געשטאנען מיטן פנים צו דער רעליגיע, וועלכע האט געפריידיקט דאס אומבאדינגטע אונטערווארפן זיך דעם אויטאריטעט פון דער קירך — דער דינערין פון דעם פעאדאליזם. די דאזיקע באוועגונג פאר א נייער קולטור האט אויך געשאפן דעם נאמען פון דער דאזיקער גאנצער עפאכע — ווידערגעבורט (רענעסאנס), אונטער וועלכן ס'איז פארשטאנען געווארן דער ווידערגעבורט פונעם מענטשן, פון זיין קראפט, מעכטיקייט, פארשטאנד און שיינקייט, וועלכע זענען נישט אנערקענט און פארפאלגט געווארן דורכן קאטאליציזם, וועלכער האט גערופן די מענטשן צו זוכן דאס גליק נישט אויף דער ערד, נאר אין הימל.

אזוי ארום, איז דער יסוד פונעם קאמף פאר א נייער קולטור געווען דער פראגרעס, וואס איז דעמלט פארגעקומען אין די געזעלשאפטלעך-עקאנאמישע פארהעלטענישן. די ארויסטרעטונגען פון די פאלקס-מאסן, דער פארביסענער קלאסן-קאמף, דער געוואלדיקער וווקס פון דער געזעלשאפטלעכער אקטיווקייט האבן גורם געווען אויך דעם פאנאנדערבלי פון דער קולטור, וואס דאס האט געגעבן פ. ענגעלסן א גרונט צו באצייכענען די רענעסאנס-עפאכע, ווי די גרעסטע פראגרעסיווע איבערקערעניש.

דאס איז געווען א צייט, ווען ס'איז אנגעגאנגען א פארביסענער קאמף צווישן דעם אלטן מיטן נייעם, ווען די בעסטע מענטשן אויף אלע געביטן פונעם מענטשלעכן דענקען האבן געשטורעמט די פעסטונג פונעם מיטלאלטערטום. די אלטע וועלט — די וועלט פון פעאדאלער, אומברחמנותדיקער עקספלאטאציע פון דער גרעסטער מערהייט פון פאלק מצד א נישטיקער מינדערהייט פון פעאדאלן, וועלטלעכע און גייסטלעכע — האט זיך פארטיידיקט מיט אלע מיטלען. איינע פון די מעכטיקסטע מיטלען פון דער דאזיקער רעאקציע איז געווען די קאטוילישע קירכע, דער גיגאנטישער שפין,

וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט מיט זיין קלעפּיקן שפּינוועבס גאַנץ מערב-אייראָפּע, די קירך, וועלכע האָט מיט איר פרײדיקן און פאַרשריפטן זיך באַמיט מאָנאָפּאָליסטיש צו באַהערשן די מוחות און הערצער פון די מענטשן, כדי צו האַלטן זיי אין אַ מצב פון עם-הארצות, שטענדיקער שרעק און אונטערטעניקייט לגבי דער וועלט-ליכער און גייסטלעכער מאַכט. דאָס אומבאַדינגטע בוקן זיך פאַר דעם אויטאָריטעט פון דער קירך, דאָס אומבאַדינגטע אונטעראָר-דענען זיך אַלע אירע איינשטעלונגען, דער אומבאַדינגטער גלויבן אין די אַלטע, שוין לאַנג אָפּגעשטאָרבענע „אמתן", הכנעה — אָט וואָס ס'האָבן געלערנט די קאַטוילישע קירך, אירע פילאָזאָפן און געלערנטע. דער מענטש — אַ נישטיקייט, אַ שוואַך שטויבעלע, וואָס בראָגט זיך אין דעם וויכער פון פאַרברעכערישע ליידנשאַפטן — דאַרף זיין אומבאַדינגט געהאָרכזאַם צו יעדן וואָרט פון דער קירך, ווייל נאָר זי, נאָר דער וואַטיקאַן, דער רוימישער פויפסט און די גאַנצע אַרמיי פון אַ סך טויזנטער פּאַראַזיטירנדיקע מאָנאַכן און גייסטלעכע קענען דעם מענטשנס „וועגן פון דערלייזונג". אַלץ וואָס איז ניי, וואָס האָט געפּרוּווט אַרויסטראָטן קעגן דעם אויטאָריטעט פונעם אַלטן, וואָס האָט געפּרוּווט אַ בליק טאָן אויף דער וועלט ברייטער, אַלץ, וואָס האָט דעם מענטשן געזאָגט וועגן זיין אמתדיקן אָרט אויף דער וועלט, — דאָס אַלץ האָט דער קאַטאָליציזם אַטאַקירט און אומברחמנותדיק פאַרפאָלגט. די סכאָלאַסטיק — אַ קאָדעקס פון איינמאָל פאַר אַלעמאָל איינגעשטעלטע געזעצן — האָט גרויזאַם געשטיקט די אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט, דער עיקר די עקספּערימענטאַלע לערעס. באַזונדערס פאַרביסן זענען אַרויסגעטראָטן אַלע הערשנדיקע כוחות פונעם מיטלאַלטער קעגן דעם מאַטעריאַליזם, אין וועלכער פאָרעם ער זאָל זיך נאָר נישט האָבן אַנטפּלעקט.

דער קאַמף פאַר שאַפן אַ נייע קולטור איז אָנגעגאַנגען אויף אַלע אירע געביטן. די פילאָזאָפיע, די וויסנשאַפט, די קונסט — אַלץ איז געוואָרן אויפסניי איבערגעקוקט, איבערגעבויט. דער מאָנאָפּאָליסטישער הערשאַפט פונעם אידעאַליזם (אין דער פאָרם פון רעליגיע) איז קעגנגעשטעלט געוואָרן די מאַטעריאַליסטישע וועלט-אָנשויונג, דער טעאָלאָגישער פּסעוודאָ-וויסנשאַפט — די עקספּערימענטאַלע לערע, דער קונסט פון מאָלן די „הייליקע" — דאָס געזונטע, רעאַליסטישע מאָלן דעם לעבעדיקן מענטשן. דער וועג פון

שאַפן א נייע קולטור איז געווען א שווערער און ווייט נישט געגאַנגען גראַדליניק. א סך זענען שרעקעוודיק שטיין געבליבן אויפן האַלבן וועג, האָבן אוועקגעקערט אין א זייט, דערשראָקן פון דעם מעכטיקן שוווּנג פון דעם קלאַסן־קאַמף, האָבן זיי שלום געמאַכט מיטן פעאָדאַליזם, מיטן מיטלאַלטער. די בורזשואַזיע, איבערגעשראָקן פון דער פאַרשאַרפונג פונעם פּאָליטישן קאַמף הייבט אָן מיט דער צייט אָנצונעמען מיטלען איינצושרימפן דעם קאַמף, גייט אָפּ פון דער נייער באַוועגונג, נעמענדיק ביי איר אויף א געשיקטן אופן דאָס, וואָס איז איר אויף דער האַנט. בלויז געציילטע מענטשן מיט אַ געוואַלדיקער ווילנסקראַפט, איבערצייגונג, זענען פאַר דעם קאַמף. צווישן די דאָזיקע מענטשן האָט דער גרויסער הומאַניסט לעאָנאַרדאָ דא ווינטשי פאַרנומען איינס פון די ערשטע ערטער און באַמת פאַרדינט מיט זיינע אַרבעטן וועלט־רום און אָנערקענונג.

די לאַגע פון א פריידענקנדיקן, זוכנדיקן מענטשן איז אין דעמאָלטיקן איטאַליע נאָך שווערער געווען צוליב דעם, וואָס דאָס לאַנד איז געווען צעריסן אויף צענדליקער באַזונדערע פעאָדאַלע מלוכות און סוחרישע רעפּובליקן, וואָס זענען תמיד געווען צווישן זיך אין פיינטלעכע באַציונגען. די דאָזיקע צעריסנקייט פונעם לאַנד איז געווען אויף דער האַנט זיינע שכנים, וועלכע האָבן זיך געריסן צו איטאַליעס רייכטימער, זי האָט באַדייטנדיק פאַרלייכטערט די מעגלעכקייט עס צו דעראָבערן און אויסצורויבן. די פעאָדאַלן האָבן נישט זעלטן פשוט געהאַנדלט מיט זייערע גיטער; פאַראַטן און פאַרקויפן דאָס פאָטערלאַנד, דאָס פאָלק, האָט זיך נישט גערעכנט פאַר קיין פאַרברעכן, נאָר, פאַרקערט, ס׳פלעגט גערימט און געהויכט ווערן. עס זענען שענדלעך באַרימט געוואָרן די נעמען פון צעזאַרע באָרדזשיאָ, ספאַרצא, מעדיטשי, די הערשער פון די דעמלטיקע איטאַליענישע שטעט, די פאַרברעכער, אינטריגאַנטן, די מערדער מיט טיטולן. ווען זייערע פאַרברעכנס פלעגן שוין אָנהייבן צו שרעקן זיי אַליין, פלעגן זיי זיך איילן צו קריגן א מחילה אויף זייערע זינד, בויען קירכעס, באַשטעלן ביי די בעסטע מייסטערס די בילדער פון הייליקע, מאַכן דעם אָנשטעל פון באַשיצער פון קונסט און וויסנשאַפט. אָבער דאָס פלעגט שנעל אַריבערגיין, און דער נעכטיקער מעצענאַט איז ווידער געוואָרן אַן אינטריגאַנט און אַ פאַלשער שבועהניק.

* * *

לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1452 אין אַ פאַמיליע פון אַ יונגן פלאָרענצער נאָטאַריוס, וועלכער האָט דעמלט געוווינט אין זיין קליינעם גוט לעבן דעם שטעטל ווינטשי. לעאָנאַרדאָס מאַמע איז געווען אַ פשוטע פויערטע, פון וועלכער לעאָנאַרדאָ האָט געירשנט אַ פעסטע פיזישע און גייסטיקע געזונטקייט, אַרבעטזאַמקייט, איינגעשפּאַרטקייט און אויסדויער אין דערגרייכן זיך געשטעלטע צילן. די קינדער-יאָרן האָט לעאָנאַרדאָ פאַרבראַכט אויפן שויס פון אַ פּרעכטיקער נאַטור, צווישן בערג און בערג-שפּאַלטן און תמיד גרינע טאָלן. דאָס לעבעדיקע און געזונטע ייִנגל פלעגט גאַנצע טעג אַרומוואַנדערן אין דער געגנט פון ווינטשי. אָבסערווירנדיק שעהנווייז די הערלעכע קאָלירן-שפּיל פון דעם הימל און דעם פלי פון אָדלערס. אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט זיך גוט צו לערנען און געשווינד און לייכט צו באַהערשן די קענטעניש פון לייענען און שרייבן, פון די התחלות פון אַריטמעטיק, צו וועלכער ער האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער גרויסן אינטערעס און פעיִקייטן, פון די עלעמענטאַרע געזעצן פון דער לאַטיינישער שפּראַך, פון מוזיק און געזאַנג. שוין דעמלט אין יענע יונגע יאָרן האָט לעאָנאַרדאָ אַ סך און עקשנותדיק זיך פאַרנומען מיט צייכענען.

אין יאָר 1466 איז לעאָנאַרדאָס פאָטער אַריבערגעפאָרן קיין פלאָרענץ צו באַזעצן זיך דאָרט אויף שטענדיק. מ׳האָט געדאַרפט אַ טראַכט טאָן וועגן דעם זונס ווייטערדיקער בילדונג און וועגן זיין צוקונפט. דריי דורות פון די ווינטשיס זענען געווען נאָטאַריוסן. די זעלבע קאַריערע האָט געקאָנט דערוואַרטן לעאָנאַרדאָן. אָבער געשען איז אַנדערש. דעם ייִנגלס לייִדנשאַפט צום צייכענען האָט באַוויגן דעם פאָטער זיך צו ווענדן נאָך אַן עצה צו זיין פריינד — דעם גרויסן פלאָרענצער מאָלער אַנדרעאָ דעל וועראָקיאָ. וואָס זיין אַטעליע איז באַרימט געווען אין גאַנץ איטאַליע. דער פּאַרצייטישער ביאָגראַף לעאָנאַרדאָס — דער מאָלער און קונסט-קענער וואַזאַרי — דערציילט, אַז אַנדרעאָ איז אַזוי איבערראַשט געוואָרן, דערזעענדיק לעאָנאַרדאָס עטלעכע אויסערגעוויינלעכע ערשטע פּרוּוון, אַז ער האָט געראָטן פּיעראָן, לעאָנאַרדאָס פאָטער צו געבן אים די מעגלעכקייט זיך צו ווידמענען דער קונסט. דעמלט האָט פּיעראָ באַ-

שלאָסן אָפּצוגעבן לעאָנאַרדאָן אין דעם קונסט־ווערקשטאַט פון אַנ־
דרעאָ. אַזוי איז באַשטימט געוואָרן דער לעבנס־וועג פון דעם מאָ־
לער לעאָנאַרדאָ.

אין דער אַטעליע פון אַנדרעאָ האָט לעאָנאַרדאָ פאַרבראַכט
גאַנצע 10 יאָר. דאָ האָט ער, אונטער דער אָנפירונג פון איינעם פון
די בעסטע קינסטלער פון איטאַליע, גרינטלעך און טיף דורכגעמאַכט
דעם גאַנצן ציקל וויסנשאַפטן און קינסטלערישע צוגרייטונג: סקולפּ־
טור, דעם יובילער־פאַך, די טעכניק פון צייכענען, דאָס צערייבן און
צונויפֿמישן פאַרבן, די צוגרייטונג פון די ווענט צו דער פרעסקן
מאָלעריי, די באַאַרבעטונג פון דעם מאָלער־ברעט און דעם לייוונט.
די זעלבשטענדיקע אַרבעט, אָבער, אונטער דער לייטונג פונעם לע־
רער איז נאָך דערווייל באַשטאַנען אינעם באַאַרבעטן א געוויסע
דעטאַל פון זיינס אַ בילד. לעאָנאַרדאָ האָט, ווי די איבעריקע, דורכ־
געמאַכט די דאָזיקע אַלע שטופן פון א שילער. נאָר איין זאַך האָט
אים שאַרף אויסגעטיילט פון דער סביבה פון די קאָלעגן, ווי אויך
פון אַלע מאָלער פון זיין צייט. דאָס איז זיין אויסערגעוויינלעכע
פילזייטיקייט, דער פאַרנעם פון פאַראינטערעסירונגען, די שטענ־
דיקע, זיך רייסנדיקע שטרעבונג צו גיין אַלץ ווייטער, צו דערקענען
אַלץ מער. אַרבעטנדיק אין דער אַטעליע פון ווערראָקיאָ, ווערט ער
שנעל א שטענדיקער מיטגליד פון אַן אייגנאַרטיק קרייזל פון גע־
לערנטע אין יענער צייט, וואָס אין זיין צענטער איז געווען דער באַ־
דייטנדיקער איטאַליענישער און אייראָפּעישער געלערנטער — דער
אַסטראָנאָם, פיזיקער, נאַטור־פאָרשער און געאָגראַף פּאַאָלאָ טאָס־
קאַנעלי, דער לערער פון כריסטאָפאָר קאָלומבוסן. דאָ זענען אויך
געווען: דער גרויסער מאַטעמאַטיקער פּאַאָלאָ דעל אַבאַקאָ, דער אַס־
טראָנאָם און געאָגראַף קאַרלאָ מאַרמאָקי און אַנדערע פאָרשטייער
פון די אַדעקוואַטע וויסנשאַפטן. פאַרבראַכט תמיד אין דאָזיקן
קרייזל און געאַרבעט זייער פיל, האָט לעאָנאַרדאָ גופא זיך אויפגע־
הויבן אויף די הייכן פון דער דעמאָלטיקער וויסנשאַפט. שוין דעמאָלט
איז ביי אים אויפגעקומען דער געדאַנק — ענגער צו פאַרבונדן די
וויסנשאַפט מיט דער קונסט, צו דערקענען טיף־וויסנשאַפטלעך די
געזעצן פון פּערספּעקטיוו, שאַטירונג, פאַרבן־צונויפפאַרונג. דאָך
האָט ער זיך נישט דערווייטערט אויך פון די הומאַניסטישע וויסנ־
שאַפטן. אין דער רשימה פון זיינע באַקאַנטע טרעפן מיר דעם נאָ־
מען פון יאָהאַן אַרגיראָפּולאָ — דעם גרויסן קענער פונעם אַנטיקן

אַלטערטום, באַדײַטנדיקן פילאָלאָג, פּראָפעסאָר פון דער גריכישער שפּראַך. לעאָנאַרדאָ האָט אויך גוט געקענט די פילאָזאָפן פון יענער צײַט, הגם ער האָט נישט אײַנגעשטימט מיט זייער געניגטקייט צום אידעאַליזם און מיטן שלום מאַכן צווישן דער נייער וויסנשאַפט מיט דער סכאָלאַסטיק.

שוין אין די לעצטע יאָרן פון זײַן אויפהאַלטן זיך אין דער אַטעליע פון ווערהאָקיאָ, איז לעאָנאַרדאָ צוגעטרעטן צו זעלבשטענדיקער אַרבעט. ער האָט אויסגעאַרטיקט אייגענע צייכענונגען און בילדער, וועלכע האָבן באַוויזן, אַז ער איז אַ רײַפער מייסטער מיט אַן אייגנאַרטיקן סטיל און קינסטלערישן מאַניער. אַרומגערינגלט מיט די בעסטע מאָלער פון דער דעמאָלטיקער איטאַליע — פּיעטראָ פּערודזשענאָ, סאַנדראָ באָטיטשעלי, דאָמעניקאָ גירלאַנדאַיאָ, לאָרענצאָ די קרעדי און אַנדערע, — טיילט זיך לעאָנאַרדאָ גלײַך אויס צווישן זיי. וועגן דער רײַפקייט פון זײַן מייסטערשאַפט קאָן מען משפּטן לויט זײַן בילד „די מאַדאָננע מיטן בלימל“, וואָס ער האָט געמאָלן אין די יאָרן 1478—1480 (וואָס געפינט זיך הײַנט אין ערמיטראַזש אין לענינגראַד).

אין יאָר 1482 פאָרט לעאָנאַרדאָ אַוועק פון פלאָרענץ קיין מילאַן. דאָ אַרבעט ער ביזן יאָר 1499, דערנאָך פאָרט ער אַריבער קיין ווענעדיג און פון דאָרט אויף אַ קורצער צײַט קיין רוים, שפּעטער וואַנדערט ער איבער די קליינע שטעטלעך פון מיטל־איטאַליע, קערט זיך ווידער אויף אַ קורצער צײַט צוריק קיין פלאָרענץ און פאָרט ווײַטער אַוועק.

דאָס לעבן פון לעאָנאַרדאָ איז פול מיט וואַנדערונגען, פול מיט אָנגעשטרענגטער אַרבעט, מיט אַ כסדרדיקער שטרעבונג צו אַן אַלץ ברייטערן און טיפערן דערקענען די וועלט. די „באַלעבאַטים“ פון לעאָנאַרדאָן — הערצאָגן און הערצאָגינס, פירשטן און פויבסטן — נוצן אויס זײַן געני צו באַפרידיקן זייערע קליינלעכע באַדערפענישן און קאַפּריזן. ווערנדיק כסדר אָפּגעריסן פון זײַנע גרויסע קינסטלערישע און וויסנשאַפטלעכע פּלענער צו קליינע אַרבעטן — ווי צום בײַשפּיל אויסצופאַרטיקן אַ וואַנע מיט קאַלט און וואַרעם וואַסער פאַר דער מילאַנער הערצאָגין, אָדער אויסצומאָלן אירע קופּערטן און שענק, אין וועלכע זי האָט געהאַלטן אירע טראַכטן, — פלעגט לעאָנאַרדאָ, נישט אַרײַנפאַלנדיק אין פאַרצווייפלונג, נישט

פארלירנדיק דעם מוט, דרייסט און אָפן קוקן פאָרויס און ווייטער זיך פאַרפולקאָמענען ווי א געניאַלער קינסטלער און געלערנטער.

אין מילאַן שאַפט ער גראַנדיעזע פּראָיעקטן איבערצובויען די שטאָטישע פעסטונג , דעם פּראָיעקט צו פאַרענדיקן די באַרימטע מילאַנער קאַטעדרע. דאָס דערלערנען די ארבעט פון די מילאַנער געווער־מייסטער (מילאַן איז באַרימט געווען אין גאַנץ אייראָפּע מיטן אויסאַרבעטן געווער און שווערדן) גיט אים שטאָף צו שאַפן פּראָיעקטן פאַר אייניקע ווערקשטעלן צו באַאַרבעטן מעטאַל, אין וועלכע ס׳באַווייזט זיך, באַזונדערס, צום ערשטן מאָל דער סופּפּאָרט, וועלכער איז אַריין אין דער אייראָפּעישער פּראַקטיק ערשט אין דער צווייטער העלפט פון אַכצנטן יאָר הונדערט.

אין מילאַן אַרבעט לעאָנאַרדאָ א סך און מיט דערפאָלג ביי מאָלעריי און סקולפּטור. ער שאַפט די סטאַטוע פון דעם מילאַנער הערצאָג פראַנטשעסקע ספאָרצא אויף א פערד, וועלכע רופט ארויס אַנטציקונג ביי אַלע מיטצייטלער, פאַר וועלכער ער מאַכט פריער הונדערטער עטיודן פון פערד. ליידער איז די סטאַטוע נישט דערגאַנגען צו אונדז, צוליב דעם, וואָס זי איז געוואָרן אויסגעפאַרטיקט פון ליים און נישט אָפּגעגאָסן אין בראָנז. נישט רעכענענדיק א ריי פּאָרטרעטן, מאָלט ער צוויי פּרעכטיקע בילדער, וואָס זענען די העכסטע דערגרייכונג פון דער איטאַליענישער קונסט אין דער רענעסאַנס-עפּאָכע. דאָס איז „די מאַדאָננע אין דעם גראָט" און די באַרימטע „געהיימע מאָלצייט" (1496—1498).

אין יאָר 1513 איז לעאָנאַרדאָ געקומען צו פאָרן קיין רוים — די הויפּט־שטאָט פון אייראָפּעישן רעליגיעזן פאַנאַטיזם, די רעזידענץ פון רוימישן פּויפּסט. דער נייער פּויפּסט לעאָ דער צענטער, וועלכן ס׳געהערט די באַפליגלטע פראַזע: „לאָמיר־זשע שעפּן נחת־רוח פון דעם פּויפּסטום, וואָס גאָט האָט אונדז געשאָנקען", — האָט, ענלעך צו אַנדערע, געמאַכט דעם אנשטעל פון א באַשיצער פון דער קונסט און וויסנשאַפט. אין רוים האָט לעאָנאַרדאָ אויסגעמאָלט דאָס זעלטענע בילד „יאָהאַן דער טויפער", אין וועלכן ער האָט דערפירט צו שלמות זיין מייסטערשאַפט אויפן געביט פון שאַטירונג, אויסדריקלעכקייט און טיפקייט פון דעם געמעלט. אין זיין דאָזיקן לעצטן בילד האָט לעאָנאַרדאָ אויף א ביז גאָר דרייסטן אופן עובר געווען אויף די אָנגענומענע טראַדיציעס. אַנשטאָט פאַרצושטעלן א

בילד, ווי דאָס איז געווען איינגעשטעלט געזעצלעך אין דער מאָ־לעריי, פון אן אסקעט, וואָס איז אויסגעמאַטערט דורך תעניתים און תפילות, אָנשטאָט דעם טראַפאַרעטן בילד פון א נזיר, האָט לעאָנאַרדאָ אויסגעמאָלט א באַגייסטערט געשטאַלט פון א יונגן מענטשן וואָס איז פול מיט לעבן, א סאַמע ערדישסטן, א סאַמע פשוטסטן. שוין דאָס אליין האָבן אים די קירך־לייט נישט געקאָנט מוחל זיין. ווען זיי האָבן זיך נאָך דערצו דערוווסט, אַז לעאָנאַרדאָ אַרבעט אַ סך אין א שפּיטאָל, פאַלמעסט מתים און שטודירט זיי (דאָס האָט זיך עס לעאָנאַרדאָ פאַרנומען מיט אַנאַטאָמיע, זיך באַמיענדיק מיט עקשנות פעסטצושטעלן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דעם בוי פון פאַרשידענע אָרגאַנען און זייערע פונקציעס), מאַכט עקספּערי־מענטן איבער אקוסטיק. אויספאָרשנדיק די געזעצן, ווי אַזוי דער קלאַנג פאַרשפּרייט זיך אין א פליסיקן אַרום און — וואָס דאָס איז געווען שרעקלעכער פון אַלץ — אַז ער לאָזט אריין לופט אין עפּעס קעגנשטאַנדן, וועלכע ער האָט געמאַכט (דאָס זענען געווען זיינע נייע עקספּערימענטן אויסצופאָרשן דאָס פליען פון פייגל), האָט מען אים באַשולדיקט אין „שוואַרצקינצלעריי״, אין „העריזיע״, גאָט־לעסטערונג, אין שענדן און אָפּחוזקן פון מתים, פון דער רעליגיע און אירע תקנות. דער „אויפגעקלערטסטער״ פויפּסט לעאָ דער צענטער האָט זיך צוגעאיילט פּטור צו ווערן פון לעאָנאַרדאָ, און דער לעצטער איז געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן איטאַליע און זיך באַזעצן אין פראַנקרייך.

די גרויסקייט פון לעאָנאַרדאָס מייסטערשאַפט איז געווען אַזוי באַדייטנדיק, אַז אים האָבן נישט געקאָנט באַמערקן די פּירשטן, הערצאָגן, פויפּסטן און בישופן. זייענדיק געצוווּנגען זיך צו רעכענען מיט אים, האָבן זיי מער אויסגענוצט זיינע קענטענישן פאַר משונהדיקע אויסטראַכטענישן, פאַר איינאָרדענען פייערלעכע צערעמאָניעס, פייערווערקן, אָבער זיך באַמיט, תיכף פּטור צו ווערן פון אים, ווי נאָר זיי האָבן באַמערקט, אַז ער איז קאָמפּראָמיסלאָז אין זיינע איבערצייגונגען, באַציט זיך פיינטלעך צו די הערשנדיקע קרייזן און פאָדערט אכטונג צו זיין מענטשלעכע ווירדע. דעריבער איז דאָס לעבן פון לעאָנאַרדאָ באַשטאַנען פון אומענדלעכע וואַנ־דערונגען איבער זיין היימלאַנד. פון וואָגלענישן און נסיעות. אין איין אָרט האָט מען אים באַשולדיקט אין „ערעלאָזיקייט״, אין א צווייט אָרט אין „כישופמאַכעריי, אין א דריט אָרט האָט מען אויפגעשטעלט

נאָך מער אומגעלומפּערטע באַשולדיקונגען. אָבער קיינמאָל האָט דער דאָזיקער גרויסער גייסט נישט פאַרלוירן דעם מוט און האָט גובר געווען אַלע מניעות. ער האָט עקשנותדיק פאָרגעזעצט די אַרבעט צום רום פונעם מענטשן, זייענדיק פעסט און זיכער, אַז זיינע אָנשטרענגונגען וועלן נישט גיין לאיבוד, אַז די מענטשהייט וועט זיי אויסנוצן פאַר איר אַנטוויקלונג, אויף איינצושטעלן גליק אויף דער ערד.

דער גורל פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי איז ענלעך געווען צום גורל פון אַ סך גרויסע מענטשן. אַ. מ. גאָרקי, דערמאָנענדיק וועגן דעם ווי אַזוי ס׳האָבן געהעצט און פאַרפאָלגט פושקינען די בולגאַרינס, בעקענדאָרפס, ניקאָלאַי דער 1-טער און דער טעמפּער, צעקראָכענער אָדל, האָט געשריבן:

„זיין (פושקינס) גורל פאַלט זיך פולשטענדיק צונויף מיטן גורל פון יעדן גרויסן מענטשן, וואָס איז דורכן ווילן פון דער געשיכטע געצווונגען צו לעבן צווישן קליינלעכע, באַנאַלע און זשעדנע מענטשן... דערמאָנט זיך וואָס ס׳איז דערציילט געוואָרן... וועגן לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי און וועגן מיקל אַנדזשעלאָ".

אַ קראַנקער, אויסגעמאַטערטער, פאַרפאָלגט פון די שונאים פון קולטור, וויסנשאַפט און קונסט, גיט זיך לעאָנאַרדאָ פאָרט נישט אונטער. אויך אין פראַנקרייך אַרבעט ער אַ סך און עקשנותדיק. אָבער, נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו פאַרנעמען זיך מיט קונסט (ס׳איז ביי אים אָפּגענומען געוואָרן די רעכטע האַנט), גיט ער זיך איינגאַנצן אָפּ דער וויסנשאַפטלעך-אינזשיניערישער אַרבעט. ער פאַרענדיקט זיינע טראַקטאַטן וועגן אַנאַטאָמיע „וועגן דער נאַטור פון וואַסער", „וועגן פאַרשידענע מאַשינען" און אַנד. זיין שטענדיקע ליבע צום מענטשן אינספּירירט אים אויסצואַרבעטן אַ גראַנדיעזן פּלאַן צו פאַראייניקן די טייכן סאָנאַ און לאָורא דורך קאַנאַלן און באַוואַסערן די ערד-שטחים פון אַ ריזיקער געגנט. דער דאָזיקער קאַנאַל איז דורכגעפירט געוואָרן ערשט אין הונדערט יאָר אַרום נאָכן טויט פון לעאָנאַרדאָן דורך פראַנצויזישע אינזשינירן, וועלכע האָבן אויסגענוצט זיינע צייכענונגען און אויסרעכענונגען.

לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי איז געשטאָרבן דעם 2-טן מאַי אין יאָר 1519. נישט געקוקט דערויף, וואָס אין פראַנקרייך איז לעאָנאַרדאָ

ארומגערינגלט געווען מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און זאָרג, האָט ער שטאַרק געבענקט נאָך זיין היימלאַנד. ווי אַן אמתער פּאַטריאָט, האָט ער אַלע זיינע מאַנוסקריפּטן און צייכענונגען אי-בערגעלאָזט בצוואה זיין פּאָטערלאַנד איטאַליע.

* * *

אין די יאָרן, ווען די פילאָזאָפן-אידעאַליסטן האָבן געאיילט אונ-טערצוהאַלטן די הערשאַפט פון דער קירך, וועלכע האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו וואַקלען, ווען אין דער לופט האָט זיך געשפּירט דער טשאַד פון די שייטער-הייפנס, אויף וועלכע דער וואַטיקאַן האָט שפּעטער געשיקט די פריידענקער, האָט לעאָנאַרדאָ געקעמפט פאַרן זיג פונעם מאַטעריאַליסטישן געדאַנק.

דער יסוד פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס וועלט-אַנשויונג איז גע-ווען דער סטיכישער מאַטעריאַליזם. פאַר דער איינציקער רעאַלי-טעט האָט לעאָנאַרדאָ געהאַלטן די מאַטעריעלע וועלט, אַרויס-טרעטנדיק אַנטשיידן אין דעם פּרט קעגן אַלע פריידיקער פון אידעאַ-ליזם, אין סוטאַנעס אָדער טאָגעס פון געלערנטע. אין זיין קאַמף קעגן די אַלטע אויטאָריטעטן, קעגן דער סכאָלאַסטיק מיט איר איינ-מאָל פאַר אַלעמאָל איינגעשטעלטע „אמתן" האָט לעאָנאַרדאָ זיך געשטיצט אויף דעם אָנערקענען דאָס מאַטעריעלע, ווי דער יסוד אין דער קוואַל פון דערקענטעניש.

„אויב דו ווייסט זאָגן — האָט לעאָנאַרדאָ געשריבן — אַז די וויסנשאַפטן, וואָס הייבן זיך אָן און ענדיקן זיך אין דעם שכל, באַ-זיצן דעם אמת — קאָן מען דערמיט נישט מסכים זיין. דאָס איז נישט ריכטיק צוליב אַ סך טעמים און קודם-כל דערפאַר, ווייל אין די דאָ-זיקע אינטעלעקטועלע באַטראַכטונגען נעמט נישט קיין אָנטייל דער עקספּערימענט, אָן וועלכן קיין זאַך קאָן נישט באַשטעטיקט ווערן מיט דער גאַנצער זיכערקייט". אַזוי אַרום איז דער יסוד פון דער דערקענטעניש, לויט לעאָנאַרדאָן, דער עקספּערימענט אין ברייט-סטן זין פון דאָזיקן וואָרט, דאָס הייסט, נישט בלויז דער עקספּערי-מענט, נאָר אויך דאָס סיסטעמאַטישע באַאָבאַכטן אַ דערשיינונג אָדער אַ פּראָצעס.

„די נויטווענדיקייט — איז די לערערין און פלעגערין פון דער נאַטור. די נויטווענדיקייט — ... איז דאָס אייביקע געזעץ" — האָט לעאָנאַרדאָ געשריבן פאַרשטייענדיק שוין פולשטענדיק קלאָר, אַז

די נאַטור עקזיסטירט און אַנטוויקלט זיך לויט געזעצן, וואָס ווירקן מיט דער קראַפט פון נויטווענדיקייט. מיט דער דאָזיקער הנחה זיינער האָט לעאָנאַרדאָ אָפּגעוואָרפן דעם דעמלט אָנגענומענעם באַגריף וועגן דער נאַטור, וואָס האָט זי פאַרגעשטעלט דאָ ווי אַן אָפּשפּיגלונג פונעם ווילן פון עפּעס אַן איבערנאַטירלעכן עלעמענט (גאָט), דאָ ווי אַ געזעמל פון צופעליקע דערשיינונגען, נעמלעך די דאָזיקע טיפע איבערצייגונג אין דער סיבהדיקייט פון די נאַטור-דערשיינונגען, אין דער נויטווענדיקייט פון זייער דערשיינען און אַנטוויקלען זיך, האָט לעאָנאַרדאָן געגעבן די פעסטע זיכערקייט, אַז די נאַטור און אירע געזעצן איז מעגלעך צו דערקענען און אַז דער מענטש, דערקענענדיק זיי, איז אימשטאַנד צו שטעלן די נאַטור-כוחות זיך צו דינסט.

לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי דער קינסטלער

וואָס איז די קונסט געווען ביז לעאָנאַרדאָ דא ווינטשי? געבוירן אין דער סביבה פון רייכע, האָט זי פולשטענדיק אָפּגעשפּיגלט זייערע אינטערעסן, זייער וועלט-אָנשויונג, זייער בליק אויפן מענטשן, אויף דער וועלט. אין יסוד פון די קונסטווערק זענען געלעגן רעליגיעזע אידעען און טעמעס: באַקרעפטיקן יענע בליקן אויף דער וועלט, וועלכע די קירך האָט געפּריידיקט, מאָלן סיזשעטן פון דער הייליקער געשיכטע, וועקן אין די מענטשן געפילן פון יראת-הכבוד און הכנעה פאַר דעם „געטלעכן” און דעם באַוווסטזיין פון דער אייגענער נישטיקייט. די הערשנדיקע טעמאַטיק האָט אויך באַשטימט די פאָרם. נאַטירלעך, איז דאָס מאָלן „הייליקע” געווען היבש ווייט פון מאָלן אמתדיקע לעבעדיקע מענטשן, דערפאַר האָבן אין דער קונסט געהערשט די סכעמע, די צוגעטראַכטקייט, דאָס סטאַטישקייט. די מענטשן אויף די דאָזיקע בילדער זענען געווען אַ מין קאַריקאַטורן פון לעבעדיקע מענטשן, דער פייזאַזש פאַנטאַסטיש, די פאַרבן בלייך און נישט אויסדריקלעך.

אמת, נאָך פאַר לעאנאַרדאן האָבן זיך זיינע פאָרגייער (צווישן זיי אויך זיין לערער אַנדרעאַ ווערראָקיאַ) שוין נישט באַגנוגנט מיט קיין שאַבלאָן און געפּרוווט שאַפן נייע געשטאַלטן. שוין זיי האָבן

אָנגעהויבן זוכן נייע מעטאָדן פון מאָלן, אָנגעהויבן דערלערנען די געזעצן פון פערספּעקטיוו, א סך געטראכט איבער די פּראָבלעמען פון דערגרייכן פּלאַסטישע אויסדריקלעכקייט. אָבער דאָס דאָזיקע זוכן נייעס האָט קיין גרויסע רעזולטאטן נישט געגעבן קודם-כל דערפאר, ווייל די דאָזיקע מאָלער האָבן נישט געהאַט קיין גענוג קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דעם וועזן און די אויפגאבן פון דער קונסט און דאָס באַהאַונטקייט אין די געזעצן פון דער מאָלעריי. דערפאר טאַקע זענען זיי ווידער אריינגעפאלן דאָ אין סכעמאַטיזם, דאָ אין נאַטוראַליזם (דאָס נאָכקאָפּירן באַזונדערע דערשיינונגען פון דער ווירקלעכקייט), וועלכע איז נישט ווייניקער געפערלעך פאַר דער אמתער קונסט.

די באַדייטונג פון דער רעוואָלוציע, וואָס לעאנארדא דא ווינטשי האָט דורכגעפירט אין דער קונסט און באַזונדערס אין דער מאָלעריי ווערט קודם-כל באַשטימט דערמיט, וואָס ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט קלאָר און דייטלעך פעסטגעשטעלט דעם וועזן און די אויפגאבן פון דער קונסט. די קונסט דאַרף זיין שטאַרק לעבנס-געטריי, רעאַליסטיש. זי דאַרף ארויסגיין פון דעם טיפן און גענויעם דערלערנען די ווירקלעכקייט.

די נאַטור, זי דאַרף זיין טיף אמתדיק, דאַרף פאָרשטעלן די ווירקלעכקייט אזוי ווי זי איז אָן קיין שום צוטראַכטעניש, פאַלשקייט. די ווירקלעכקייט, די נאַטור איז פּרעכטיק פאר זיך אליין, און נייטיקט זיך נישט אין קיין שום פאַרשענערונג. דער קינסטלער דאַרף גענוי שטודירן די נאטור, אָבער נישט כדי זי בלינד נאָכצומאַכן, נישט כדי זי פּשוט צו קאָפּירן, נאָר כדי, דערקענענדיק די געזעצן פון דער נאַטור, די געזעצן פון דער ווירקלעכקייט — צו שאַפן ווערק, וועלכע זאָלן שטרענג אַנטשפּרעכן די דאָזיקע געזעצן. שאַפן נייע ווערטן, ווערטן פון דער רעאַלער וועלט — אָט דאָס איז די אויפגאבע פון דער קונסט.

דערמיט דערקלערט זיך אויך די שטרעבונג פון לעאנארדאן צו פאַרבינדן די קונסט מיט דער וויסנשאַפט. אָנשטאָט געוויינלעכער, צופעליקער באַאָבאַכטונג, האָט ער געהאַלטן פאר אומבאַדינגט נייטיק סיסטעמאַטיש, איינגעשפּאַרט צו דערלערנען דעם קעגנשטאַנד. ס'איז באַקאַנט, אז לעאנארדא האָט זיך קיינמאָל נישט געשיידט מיט דעם אַלבום און פלעגט מאַכן אין אים פאַרשידענע צייכענונגען און עטיודן. מע דערציילט, אז ער האָט ליב געהאַט

צו גיין איבער די גאסן, פלעצער, מערק, באטראכטנדיק אלץ, וואס איז אינטערעסאנט — פאזעס פון מענטשן, פנימער, זייער אויסדרוק.

די צווייטע פאדערונג לעאנארדאס צו דער קונסט — דאס איז די פאדערונג פון ווארהאפטיקייט אינעם געמעל, פון זיין לעבנס-אמת. דער מאלער דארף שטרעבן צו דעם מאקסימאל פינקטלעכסטן איבערגעבן די ווירקלעכקייט אין איר גאנצער רייכקייט. אין צענטער פון דער וועלט שטייט דער לעבעדיקער, דענקנדיקער, פילנדיקער מענטש. נעמלעך אים דארף מען ארויסברענגען מיט דער גאנצער רייכקייט פון זיינע געפילן, איבערלעבונגען און האנדלונגען. צוליב דעם טאקע האט לעאנארדא שטודירט די אנאטאמיע און פיזאלאגיע פונעם מענטשן, צוליב דעם פלעגט ער, ווי מע דערציילט ברענגען צו זיך אין אטעליע באקאנטע פויערים און, זיי מכבד זייענדיק, דערציילן זיי פריילעכע געשיכטעס, כדי צו זען ווי מענטשן לאכן, ווי איינע און די זעלבע געשעעניש רופט ארויס ביי מענטשן פארשידענע איינדרוקן. אויב ביז לעאנארדאן איז אין דער מאלעריי נישט געווען קיין עכטער מענטש, איז ער איצט געווארן דער הערשנדיקער אין דער קונסט פון דער רענעסאנס-עפאכע.

הונדערטער צייכענונגען פון לענארדאן שאפן א ריזיקע גאלעריע פון טיפן, זייערע פנימער, קערפער-טיילן. דער מענטש אין דער גאנצער פארשידנארטיקייט פון זיינע געפילן און האנדלונגען — אט דאס איז די אויפגאבע פון קינסטלערישער געשטאלטונג. און אין דעם איז דער כוח און צויבער פון לעאנארדאס מאלעריי. געצוווּנגען דורך די באדינגונגען פון דער צייט צו מאלן בילדער הויפטזעכלעך אויף רעליגיעזע טעמעס (מאדאנעס, די הייליקע אננע, היעראנים, יאהאן דער טויפער, די געהיימע מאלצייט און אנד.), ווייל באשטעלער פון זיינע בילדער זענען געווען די קירך, די פעאדאלן און רייכע סוחרים, ארדנט לעאנארדא מעכטיק אונטער די דאזיקע טראדיציאנעלע סיוזשעטן זיין געני און שאפט ווערק פון אלגעמיין-מענטשלעכער באדייטונג. די מאדאנעס, וואס לעאנארדא האט געצייכנט, שילדערן קודם-כל איינס פון די טיף-מענטשלעכע געפילן — דאס געפיל פון מוטערשאפט, פון אומבאגרענעצטער ליבע פון דער מוטער צום עופהלע, מיר אנטציקן זיך און פרייען זיך מיט דעם. אלע זיינע מאדאנעס זענען יונגע, בליענדיקע פרויען, פול מיט לעבן, אלע עופהלעך אויף זיינע בילדער — זענען געזונטע, שטיפערישע יינגלעך מיט פולע בעקעלעך, אין וועלכע

מאָנאַ ליזאַ „דזשאַקאָנדאַ"

ס'איז נישטאָ קיין גראַן „הייליקייט". זיינע אַפּאָסטאָלן אין דער „געהיימער מאַלצייט" — דאָס זענען לעבעדיקע מענטשן פון פאַר־שידענעם עלטער, סאָציאַלער לאַגע, פון פאַרשידענעם כאַראַקטער; לויטן אַנבליק זענען דאָס מילנער, האַנטווערקער, פויערים, אינטע־ליגענטן.

אין זיין שטרעבן צום אמת האָרף דער קינסטלער קאָנען פאַר־אַלגעמיינערן דאָס אינדיווידועלע, וואָס ער האָט אַנטפּלעקט, דאַרף שאַפן דאָס טיפּישע. דעריבער, ווען לעאָנאַרדאָ צייכנט אפילו פּאָר־טרעטן פון באַשטימטע, געשיכטלעך אונדז באַקאַנטע, מענטשן (ווי למשל, מאָנאַ ליזאַ דזשאָקאָנדאַ — די פרוי פון דעם רואינירטן אַריסטאָקראַט, דעם פלאָרענטינער סוחר פראַנטשעסקאָ דעל דזשאָ־קאָנדאָ) גיט ער אין זיי בייגאַנד מיט די אינדיווידועלע פּאָרטרעט־שטריכן דאָס טיפּישע, וואָס איז אַלגעמיין פאַר אַ סך מענטשן. דע־ריבער טאָקע האָבן די דורך אים געמאָלטע פּאָרטרעטן אויף אַ סך יאָר־הונדערטער איבערגעלעבט די מענטשן, וועלכע זענען אויף זיי געמאָלן.

לעאָנאַרדאָ איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט נישט נאָר גרינטלעך און אויפמערקזאַם דערלערנט די געזעצן פון מאַלעריי, נאָר זיי אויך פאָרמולירט. ער האָט טיף, ווי קיינער נישט ביז אים, אויסגעפאָרשט די געזעצן פון פּערספּעקטיוו. די פּאַנאַנדערטיילונג פון ליכט און שאָטן. דאָס אַלץ איז אים נייטיק געווען, כדי צו דער־גרייכן אַ שטאַרקערע אויסדריקלעכקייט פונעם בילד, כדי, ווי ער האָט געזאָגט, „זיך אויסצוגלייכן מיט דער נאַטור". אין די ווערק פון לעאָנאַרדאָן, נעמלעך, האָט דאָס בילד ווי אַזעלכעס פאַרלוירן זיין סטאַטישן כאַראַקטער, איז געוואָרן אַ פענצטער אין דער וועלט. ווען מ'באַטראַכט זיינס אַ בילד, ווערט די עמפּינדונג, וואָס איז איינ־געשלאָסן אין דער רעם, פאַרלוירן און ס'דאַכט זיך, אַז מע קוקט אין אַן אָפן פענצטער, וואָס אַנטפּלעקט פאַרן צושויער עפּעס־וואָס נייעס, דורך אים נאָך נישט געזעענס. פאָדערנדיק אויסדריקלעכ־קייט פון בילד, איז לעאָנאַרדאָ קאַטעגאָריש ארויסגעטראָטן קעגן דער פאָרמעלער פאַרבן־שפּיל, קעגן דעם שענקען די גאַנצע אויפ־מערקזאַמקייט דער פאָרם אויפן חשבון פונעם אינהאַלט, קעגן דעם, וואָס כאַראַקטעריזירט אַזוי בולט די דעגענערירנדיקע קונסט. די פאָרם איז פאַר לעאָנאַרדאָן בלויז דאָס הייטל פון יענער אידעע, וועלכע דער קינסטלער דאַרף צוטראָגן דעם צושויער. לעאָנאַרדאָ

ווידמעט אַ סך אויפֿמערקזאַמקייט די פּראָבלעמען פֿון דער קאָמפּאָזיציע פֿונעם בילד, די פּראָבלעמען פֿון פֿאַנאַנדערשטעלן די פֿיגורן, די באַזונדערע דעטאַלן. פֿון דאַנען שטאַמט זיין אַזוי באַליבטע קאָמפּאָזיציע פֿון פֿאַנאַנדערשטעלן די פֿיגורן אין אַ דרייעק — די פּשוטסטע געאָמעטרישע האַרמאָנישע פֿיגור — אַ קאָמפּאָזיציע, וועלכע גיט די מעגלעכקייט דעם צושויער ארומצוכאַפּן דאָס בילד אין גאַנצן גענומען. אויסדריקלעכקייט, אמתדיקייט, צוטריטלעכקייט — אָט דאָס זענען די געזעצן פֿון דער אמתער, עכט פֿאָלקסטימלעכער קונסט, וואָס זענען פֿאָרמולירט געוואָרן דורך לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, געזעצן, וועלכע ער אַליין האָט שוין פֿאַרקערפּערט אין זיינע געניאַלע שאַפֿונגען.

שוין אין זיין ערשטער גרויסער אַרבעט „די מאַדאָנע מיטן בלימל”, האָט לעאָנאַרדאָ באַוויזן אין דער פּראַקטיק, וואָס עס באַדייטן די קונסט־פּרינציפּן, וואָס ער פּרייִדיקט. איבעראַשנדיק איז אין דעם בילד קודם־כל זיין קאָמפּאָזיציע, דאָס זעלטן האַרמאָנישע פֿאַנאַנדערטיילן אַלע עלעמענטן פֿונעם בילד, וועלכע שאַפֿן איין גאַנצעס. דאָס בילד פֿון דער יונגער מוטער מיטן פֿריילעכן קינד אויף די הענט איז טיף רעאַליסטיש. אויסערגעוויינלעך מייסטערהאַפֿט איז איבערגעגעבן די אומִמיטלבאַר עמפֿינדענע טיפֿע בלויקייט פֿון איטאַליענישן הימל אין דעם אויסשניט פֿונעם פֿענצטער. שוין אין דאָזיקן בילד האָט לעאָנאַרדאָ דעמאָנסטרירט דעם פּרינציפּ פֿון זיין קונסט — דעם רעאַליזם, דאָס מאָלן דעם מענטשן אין טיפֿסטער איינשטימיקייט מיט זיין אמתער נאַטור, דאָס מאָלן נישט קיין אַבסטראַקטע סכעמע, וואָס עס האָט געלערנט און מיט וואָס עס האָט זיך פֿאַרנומען די מיטלאַלטערלעכע אַסקעטישע קונסט, נאָר נעמלעך דעם לעבעדיקן, פֿילנדיקן מענטשן. נאָך קלאָרער קומען צום אויסדרוק די דאָזיקע פּרינציפּן אין צווייטן גרויסן בילד פֿון לעאָנאַרדאָ „דאָס בוקן זיך פֿון די שטערנזעער” (1481), אין וועלכן ס'איז וויכטיק נישט דער רעליגיעזער סיוזשעט, נאָר דאָס מייסטערהאַפֿטע מאָלן די מענטשן, וואָס יעדער פֿון זיי האָט זיין אייגן, אינדיווידועל פּנים, זיין פּאָזע, דריקט אויס זיין געפֿיל און שטימונג. דער לעבנס־אמת — אָט דאָס איז דער געזעץ פֿון לעאָנאַרדאָס מאָלעריי. דאָס מאַקסימאַלפֿולע אַנטפּלעקן דאָס אינערלעכע לעבן פֿון מענטשן — אָט דאָס איז איר ציל.

אין דער „געהיימער מאָלצייט" איז די קאָמפּאָזיציע דערפירט
ביז שלמות. נישט געקוקט אויף די גרויסע צאָל פיגורן (13), איז
זייער פאַנאַנדערשטעלן שטרענג אויסגערעכנט אזוי, אז זיי אלע
אינגאַנצן גענומען שטעלן מיט זיך פאָר א געוויסע איינהייט, פול
מיט גרויסן אינערלעכן אינהאַלט. דאָס בילד איז זייער דינאַמיש:
עפּעס א שרעקלעכע בשורה, וואָס יעזוס האָט איבערגעגעבן האָט
איבערראַשט זיינע תלמידים, יעדער פון זיי רעאַגירט אויף איר
אויף אן אנדער אופן, דערפון די געוואַלדיקע פאַרשידנאַרטיקײ־
אינעם אויסדרוק פון די אינערלעכע געפילן אויף די פנימער פון די
אַפּאָסטאָלן. די קאָמפּאָזיציאָנעלע שלמות ווערט דערגאַנצט דורך
דעם אויסערגעוויינלעך מייסטערהאַפטן אויסנוצן די פאַרבן, די
האַרמאָניע פון ליכט און שאָטן. די אויסדריקלעכקייט, די עקס־
פרעסיע פונעם בילד דערגרייכט איר שלמות נישט בלויז אדאנק
דער אויסערגעוויינלעכער פאַרשידנאַרטיקייט פון די אויסדרוקן פון
די פנימער, נאָר פון דער פּאָזיציע פון יעדער פון די זעקס און צוואַנ־
ציק הענט, וואָס זענען אויפן בילד אויסגעמאָלן.

לעאָנאַרדאָ אליין האָט אזוי באַשריבן זיין בילד: „איינער, וואָס
האָט אויסגעטרונקען, לאָזט איבער דעם בעכער אויף זיין אָרט און
דרייט אוים דעם קאָפּ צו דעם, וואָס רעדט. דער צווייטער פלעכט צו־
נויף די פינגער פון זיינע הענט און דרייט זיך אוים מיט פאַרגלי־
ווערטע ברעמען צו זיין שכן; אן אנדערער, מיט פאַנאַנדערגעעפנטע
הענט, ווייזט זיינע דלאָניעס, און הייבט אויף די פלייצע צו די אוי־
ערן, און עפנט אויף דאָס מויל פון פאַרוווּנדערונג. נאָך איינער זאָגט
עפּעס א צווייטן אויפן אויער, און יענער וואָס הערט אים, דרייט
זיך אוים צו אים, האַלטנדיק אין איין האַנט א מעסער און אין דער
צווייטער — דאָס ברויט, וואָס איז אויף דער העלפט צעשניטן מיטן
דאָזיקן מעסער. אן אנדערער, ביים אויסדרייען זיך, האַלטנדיק א
מעסער אין דער האַנט, קערט איבער מיט דער דאָזיקער האַנט א
בעכער אויפן טיש".

די דאָזיקע נאָטיץ פון לעאָנאַרדאָן גופא זאָגט עדות וועגן יע־
נער גרונטלעכער צוגרייטונגס־אַרבעט, וואָס ער האָט דורכגעפירט
פאַרן מאָלן א בילד. ס'איז אין איר דורכגעטראַכט אלץ ביז די קלענ־
סטע פרטים: די פּאָזעס, די אויסדרוקן פון די פנימער, אפילו אזעל־
כע פרטים: ווי דער איבערגעקערטער בעכער אָדער דאָס מעסער;
דאָס אלץ שטעלט מיט זיך פאָר אין סך־הכל איין גאַנצעס. די רייכ־



געהיימער מאָלצייט

קייט פון די פארבן אין דעם דאָזיקן בילד פּאָרט זיך מיט דעם סוב־טעלן אָנווענדן ליכט און שאָטן, וואָס מיט זייער הילף ווערט אונטערגעשטראָכן די וואָגיקייט פון דער געשעעניש, וואָס איז פאָרגעשטעלט אויפן בילד.

די סובטעלקייט פון דער פּערספּעקטיוו, דאָס אַרויסברענגען די לופט, דעם קאָליר, מאַכט דאָס בילד פאר א מייסטערווערק פון דער וועלט־קונסט. ארבעטנדיק איבער דעם דאָזיקן בילד מיט אויסדויער און עקשנות האָט לעאָנאַרדאָ „פון זון־אויפגאַנג ביזן אָוונט נישט ארויסגעלאָזט דעם פּענדזל פון האַנט און געמאָלט אָן איבעררייס, פאַרגעסנדיק וועגן עסן און טרינקען", — ווי עס דערציילט זיינער א מיטצייטלער.

לעאָנאַרדאָ האָט מיט דערפאָלג געלייזן א סך אויפגאַבן, וועלכע זענען דעמלט געשטאַנען פאר די מאָלער, און געעפנט א וועג פאר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער קונסט. מיטן כוח פון זיין געני האָט לעאָנאַרדאָ גובר געווען די מיטלאַלטערלעכע טראַדיציעס, וואָס האָבן געלאַסטעט אויף דער קונסט, האָט זיי צעשטערט און אָפּגעוואָרפן. ער האָט באַוויזן פאַנאַנדערצושפּרייטן די שמאָלע ראַמען, מיט וועלכע די קירך־לייט, וואָס האָבן דעמלט געהערשט, האָבן באַגרענעצט די שעפערישע כוחות פון דעם מאָלער (רעליגיעזער סיוזשעט), און ווייזן אָנשטאָט דער באַנאַלער עוואַנגעלישער טראַפּאַרעטער סצענע די ריזיקע, ריין מענטשלעכע דראַמע, ווייזן לעבעדיקע מענטשן מיט זייערע ליידנשאַפטן, געפילן, איבערלעבונגען. אין דאָזיקן בילד האָט זיך אויפסניי אַנטפּלעקט דער גרויסער לעבנס־באַשטעטיקנדיקער אָפּטימיזם פון דעם מאָלער און דענקער לעאָנאַרדאָ.

פאר די יאָרן פון זיינע וואַנדערונגען האָט לעאָנאַרדאָ געמאָלן נאָך א סך בילדער, וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן פולשטענדיק פאַרדינטע וועלט־באַרימטקייט און אַנערקענונג. אין „דזשאָקאָנדע" ווערט געגעבן א בילד, וואָס איז טיף אמתדיק און טיפּיש. נעמלעך די דאָזיקע אמתדיקייט, דאָס אויסערגעוויינלעך בולט ארויסברענגען די שטריכן פון פּנים, די באַזונדערע דעטאַלן, די קליידונג, פאַראייניקט מיטן מייסטערהאַפט געמאָלענעם פּייזאַזש, גיט צו דעם בילד א באַזונדערע אויסדריקלעכקייט. אלץ אין דעם — פון דעם האַלב־שמייכל, וואָס שפּילט סודותדיק אויפן פּנים ביז די רואיק

צונויפגעלייגטע הענט — זאָגט עדות וועגן דעם גרויסן אינערלעכן אינהאַלט, וועגן דעם גרויסן גייסטיקן לעבן פון דער דאָזיקער פרוי. די שטרעבונג פון לעאָנאַרדאָן איבערצוגעבן דאָס אינערלעכע לעבן דורך די אויסערלעכע דערשיינונגען פון די נשמה־רעגונגען איז דאָ אויסגעדריקט באַזונדערס פול.

אינטערעסאַנט איז דאָס בילד פון לעאָנאַרדאָ „די שלאַכט ביי אַנגיאַרי" (אַ צייכענונג פון אַ טייל דערפון, געמאַכט דורך רובענסן, געפינט זיך אין מלוכהשן מוזיי פאַר פלאַסטישע קונסטן א.נ. פון א. ס. פושקין אין מאָסקווע), וואָס שטעלט פאָר אַ קאַמף פון קאַוואַלעריע מיט פוסגייער. פונקט ווי אין די אַנדערע זיינע בילדער, האָט לעאָנאַרדאָ זיך דאָ באַמיט צו ווייזן אַ פאַרשידנאַרטיקייט פון פערזאָנען, פיגורן און פּאָזעס. די צענדליקער מענטשן, וואָס דער מאָלער האָט אָפּגעמאָלן, שאַפן אַ פאַרגאַנצטן איינדרוק דורך דער בילד, נעמלעך דערפאַר, ווייל זיי אַלע זענען אונטערגעוואָרפן דער איינציקער אידעע, וואָס ליגט אין יסוד פון דעם בילד. דאָס איז געווען די שטרעבונג צו באַווייזן דעם אויפשטייג פון אַלע כוחות ביים מענטשן אין שלאַכט, די שפּאַנונג פון אַלע זיינע געפילן, צונויפגעזאַמלטע אין איין גאַנצעס צו דערגרייכן דעם זיג.

ס'איז אינטערעסאַנט נאָך איין געביט פון לעאָנאַרדאָס שאַפן. ער איז חוץ אַ גרויסער מאָלער און געלערנטער, געווען אויך שרייבער. ער פאַרפאַסט, פאַרזעצנדיק די טראַדיציעס פון באָקאַטשיאָ און אַנדערע פאַרשטייער פון דער נייער ליטעראַטור, איינציקע צענדליק משלים, דערציילונגען, קליינע, שפּאַסיקע, אָבער מיט אַ באַהאַלטענעם טיפן זין (פאַצעטיעס). די משלים, וואָס ער האָט געשאַפן, צייכענען זיך אויס מיט זייער געפרעסטקייט, לאַקאָנישקייט, ס'איז אין זיי, פונקט ווי אין זיינע בילדער, נישטאָ פאַראַן קיין שום איבעריקס, און יעדעס וואָרט האָט זיין באַשטימטע באַדייטונג. אָט זענען מוסטערן פון זיינע משלים:

„דער טייך האָט אָנגעטראָגן אַזויפיל ערד און שטיינער אויף זיין באָדן, אַז ער איז אַליין געצוווּנגען געוואָרן צו פאַרלאָזן זיין געלייגער".

אָדער אַ צווייטער:

„דאָס פּאַפּיר האָט דערזען, אַז ס'איז אינגאַנצן באַדעקט מיט דער פינצטערער שוואַרצקייט פון טינט און גענומען שטאַרק

טרויערן צוליב דעם; און יענער ווייזט איר אויף, אַז צוליב די ווערטער, וואָס זענען אויף דעם אָנגעשריבן היט מען עס אָפּ".

די פּאַצעטיעס פון לעאַנאַרדאָן זענען זייער ענלעך לויטן גייסט צו די נאָוועלן פון באָקאַטשיאָ; זיי זענען אויך טיף רעאַליסטיש, דורכגעוועבט מיט אַ פיינער איראָניע. אָט איז, צום ביישפּיל, דער אינהאַלט פון איינער פון זיי: צוויי וואַנדערנדיקע מאָנאַכן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אָפּרו אין אַ קרעטשמע ביים וועג און באַשלאָסן צו עסן אונטערברויט. צו זייער טיש האָט זיך צוגעזעצט אַ דורכ־פאָרנדיק סוחרל. אַזוי ווי די קרעטשמע איז געווען אָן אָרעמע, האָט מען דערלאַנגט צום טיש בלויז איין געקאָכטע הון. איינגעזען, אַז אויף זיין חלק וועט אויספאַלן ווייניק, האָט דאָס סוחרל זיך אַ ווענד געטאָן צו די מאָנאַכן מיט די ווערטער: „אויב מיין זכרון נאַרט מיך נישט עסט איר נישט אין אַזעלכע טעג אין די מאָנאַסטירן קיין פליישׂ", — און, באַקומען פון די מאָנאַכן אַ צושטימענדיקן ענטפער, האָט ער אויפגעגעסן די הון איינער אליין, און די מאָנאַכן זענען גע־בליבן ביי גאָרנישט. צומאָרגנס אינדערפרי איז אַלע דריי רייזנדע אויסגעקומען אַריבערצוגיין אַ טיפן טייך. אַזוי ווי דאָס סוחרל האָט מורא געהאַט אַליין אַריבערצוגיין, האָט אים איינער פון די מאָ־נאַכן פאַרגעלייגט אים אַריבערצוטראָגן. ווען ער האָט דערגרייכט דעם מיטן שטראָם, האָט דער מאָנאַך, ווי דערמאָנענדיק זיך אין עפּעס, אַ זאָג געטאָן: „אונדזער קאָדעקס פאַרווערט אונדז צו טראָגן אויף זיך געלט" — און אַראָפּגעוואָרפן דאָס סוחרל אין וואַסער אַריין.

פול מיט פיינעם הומאָר און איראָניע איבער די דינער פון דער קירך איז אַ צווייטע דערציילונג פון לעאַנאַרדאָן. איינער אַ ביז גאָר פייערדיקער גלח, גייענדיק אום שבת־הגדול איבער זיין פּאַראַ־פיע, איז אַריין אין אַ צימער צו אַ מאָלער און באַשפּריצט מיטן הייליקן וואַסער אייניקע בילדער זיינע. אויף דעם מאָלערס פראַגע, פאַרוואָס־ער האָט אַזוי אויסגעזוייקט זיינע בילדער, האָט דער גלח געענטפערט, אַז „אַזוי איז דער מנהג און ער איז מחוייב אַזוי צו טאָן, און אַז ער האַנדלט גאָטפאָרכטיק און ווער עס האַנדלט גאָט־פאָרכטיק דעם ווערט באַצאָלט כפל־כפלים". דער מאָלער האָט אָפּ־געוואַרט ביז דער גלח איז אַרויסגעגאַנגען, זיך אַרויסגעבויגן דורכן פענצטער פון זיין צימער און אויסגעגאָסן אַ גאַנצן עמער וואַסער.

די דאַמע מיטן וויזל

אויפן גלחס קאָפּ, זאָגנדיק דערביי: „אָט האָסטו דיר, נעם זיך אָפּ כפל־כפלים, לויט די ווערטער, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, כדי עס זאָל דיר באַצאָלט ווערן פאַר דעם גוטס, וואָס דו האָסט מיר געטאָן מיט דיין הייליקן וואַסער, וואָס האָט אויף אַ העלפט קאַליע געמאַכט מיינע בילדער".

לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי — דער געלערנטער און אינזשיניער

ווי אַ מענטש פון קאָלאָסאַלער אַלזייטיקייט, האָט לעאָנאַרדאָ געפירט אַ קאַמף מיט דער אַלטער וועלט, מיט דער וועלט פון עם־הארצות, אָפּגעשטאַנענקייט און טעמפּקייט אויך מיט אַן אַנדער מין געווער. דאָס דאָזיקע געווער איז געווען די וויסנשאַפט, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן פּונקט אַזוי פיל כוחות און ענערגיע, ווי דער קונסט. און פּונקט ווי אין דער קונסט, איז לעאָנאַרדאָ אין זיינע זוכענישן און דערגרייכונגען געגאַנגען אין דער ערשטער ריי פון די טיטאַנען פון דער עפּאָכע, אין דער ערשטער ריי פון די קעמפער פאַרן זיג פון דער אמתער וויסנשאַפט און פון פּראָגרעס.

די וויסנשאַפט און קודם־כל די מאַטעמאַטיק האָט לעאָנאַרדאָ געהאַלטן פאַר אַ מעכטיקן מכשיר פון דערקענטעניש. „קיין שום מענטשלעכע פאָרשונג, — האָט ער געשריבן — קאָן נישט פּרעטענדירן אויפן נאָמען פון אמתער וויסנשאַפט, אויב זי באַנוצט זיך נישט מיט מאַטעמאַטישע באַווייזן". „ס'איז נישטאָ קיין שום זיכערקייט דאָרט, וווּ עס ווערט נישט אָנגעווענדעט איינע פון די מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן, אָדער דאָרט, וווּ עס ווערן אָנגעווענדעט אַזעלכע וויסנשאַפטן, וואָס זענען נישט פאַרבונדן מיט קיין מאַטעמאַטיק". „לעאָנאַרדאָ האָט נישט בלויז גרינטלעך באַהערשט די מאַטעמאַטיק פון זיין צייט, נאָר אַ סך און פרוכטבאַר געאַרבעט אַליין, שטענדיק זי פאָרויס. נישט אומזיסט טרעפן מיר צווישן זיינע נאָענטע פריינד דעם גרויסן מאַטעמאַטיקער פון יענער צייט — לוקאַ פּאַטשאָלי. די מאַטעמאַטיק איז לעאָנאַרדאָן נייטיק געווען אי אַלס אינזשיניער און געלערנטער אי אַלס קינסטלער. זי האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו לעזן אַ ריי גרונט־פראַגן פון

מאָלערישער מייסטערשאַפט — דאָס פּראָבלעם פון פּערספּעקטיוו און קאָמפּאָזיציע.

„די גאַנצע פילאָזאָפיע — האָט לעאָנאַרדאָ געשריבן, ארויס־טראַטנדיק קעגן די אידעאַליסטן פון אַלערליי שאַטירונגען — איז אָנגעשריבן אין דעם גראַנדיעזן בוך, וואָס ליגט שטענדיק אָפן פאַר אונדזערע אויגן: איך מיין דעם וועלט־אַל”. און זיין גאַנץ לעבן האָט ער עקשנותדיק, אויסדויערנדיק און סיסטעמאַטיש שטודירט דאָס דאָזיקע גראַנדיעזע בוך. האַלטנדיק פאַר אַן אַלגעמיינעם נאַ־טור־געזעץ די וועלנאַרטיקע באַוועגונגען, האָט לעאָנאַרדאָ באַהויפּ־טעט, אַז קלאַנג, ליכט, וואַרעמקייט, מאַגנעטיזם, ריח פאַרשפּרייטן זיך וועלנמעסיק, איבעריאָגנדיק אין דעם הינזיכט די געלערנטע פון ניינצנטן יאָרהונדערט. „די באַוועגונג איז די סיבה פון יעדער לעבנס־דערשיינונג”, — האָט ער געשריבן.

נאָך אין זיינע יוגנט־יאָרן אַרבעט לעאָנאַרדאָ א סך אויפן גע־ביט פון וויסנשאַפט און טעכניק. זיין אַלטער ביאָגראַף וואַזאַרי דערציילט: „ער פלעגט מאַכן צייכענונגען פון מילן, געוואַנט־מאַ־שינען און פאַרשידענע מכשירים, וועלכע מ׳האָט געקאָנט לאָזן אין באַוועגונג מיט דער קראַפט פון וואַסער”. לעאָנאַרדאָ שטודירט גרינטלעך די אַרבעט און די אַרבעטס־מכשירים פון די פלאָרענצער האַנטווערקער און אַרבעטער, וועלכע זענען באַרימט געווען אין גאַנץ אייראָפּע פון די וואָל־מאַנופאַקטורן. די קליינע פּראָדוקטיוו־קייט פון די דאָזיקע פּרימיטיווע פּראָדוציר־מכשירים רעגט אויף לעאָנאַרדאָן, און ער טראָגט זיך אַרום מיטן געדאַנק צו שאַפן מער פּולקאָמע ווערקשטעלן, צו פאַרלייכטערן אויף וויפל ס׳איז מעג־לעך די שווערע מי פון מענטשן, שטעלנדיק אים צו דינסט די נאַטור־כוחות. און אַט הייבן אָן לעאָנאַרדאָס העפטן פאַרפולט צו ווערן מיט צייכענונגען און סכעמעס פון ווערקשטעלן צום וואָל־קעמען, שערן, שפּינען און וועבן און אַנדערע מינים ווערקשטעלן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר, לויט דער מיינונג אפילו פון היינט־ציטיקע ספּעציאַליסטן, א גרויסן שריט פאָרויס אין דער אַנטוויק־לונג פון טעכנישן געדאַנק פון זיין צייט און טראָגן אַריין באַ־דייטנדיקע אויסבעסערונגען אין די אַפּאַראַטן און טעכנישע איינ־ריכטונגען, וועלכע האָבן דעמאָלט עקזיסטירט. אַזאַ איז צום ביי־שפּיל, דער פּראָיעקט פון א מעכאַנישער אויטאָמאַטישער שפּין־מאַשין, וועלכע איז א סך פּראָדוקטיווער פון יורגענס שפּין־מאַ־

שין, מיט וועלכער מ׳האט זיך באנוצט ביזן סוף פון אכצנטן יאר־הונדערט.

לעאנארדא „איז געווען — לויט די ווערטער פונעם זעלבן ביאגראף — דער ערשטער, וואס האט נאך זייענדיק נאך א יונגער בחור געשטעלט די פראגע ווי אזוי אויסצונוצן דעם טייך ארנא, כדי צו פאראייניקן דורך א קאנאל די שטעט פיזא און פלארענץ". פלארענץ — דער צענטער פון דער איטאליענישער טעקסטיל־אינדוסטריע און האנדל, וואס האט מיט אירע אויסארבעטונגען באזארגט גאנץ אייראפע, — ליגט ווייט פון ים און חוץ דעם, וואס דאס אנלאדעווען סחורות אויף ים־שיפן איז פארבונדן געווען מיט איבעריקע הוצאות, זענען נאך דערצו די ים־פארטן גופא געלעגן אין די הענט פון אנדערע מלוכות. לעאנארדאס פראיעקט האט נישט נאר באדייטנדיק פארלייכטערט דאס באזארגן פלארענץ מיט רוי־שטאפן און דעם אפזאץ פון אירע סחורות, נאר אויך געהאט א געוואלדיקע באדייטונג פאר דער אנטוויקלונג פון דער לאנדווירטשאפט אינעם טאל פון דעם טייך ארנא. לעאנארדא, וואס זיינע קינדער־יארן זענען אריבער אין דארף, האט גוט געקענט די שווערע פראצע פונעם איטאליענישן פויער, זיין דערדריקנדיקע אפהענגיקייט פון די סטיכישע נאטור־כוחות, ווען פלוצעמדיקע געוויסערן מחמת דעם צעשמעלצן פונעם שניי אין די בערג, האבן אין איין רגע פארניכטעט די רעזולטאטן פון א סך יארן הארעוואניע.

פונדאנען נעמט זיך לעאנארדאס שטארקע פאראינטערעסירונג מיט די פראבלעמען פון הידראטעכניק, זיין באאבאכטן די שטרעמונג פון טייכן און זיינע פראיעקטן אויפצובויען א ריי הידראטעכנישע איינריכטונגען, א גאנצע נעץ פון באוואסערונג־קוואלן ביי די טייכן פא און ארנא. בלויז געציילטע פון די דאזיקע פראיעקטן זענען פארווירקלעכט געווארן אין יענער צייט. און די קומענדיקע יארהונדערטער, אינעם פעריאד פון דער הערשאפט פונעם קאפיטאליזם, האבן די רעגירנדיקע קלאסן נישט געוואלט און זענען אויך נישט בכוח געווען צו רעאליזירן די גראנדיעזע און דרייסטע פראיעקטן פון לעאנארדא. וועגן דעם זאגט עדות דער ריזיקער געוויסער, וואס איז פארגעקומען נישט לאנג צוריק (אין נאוועמבער 1951) ביים אונטערשטן לויף פונעם טייך פא.

נאך אין זיין פלארענצער לעבנס־פעריאד האט לעאנארדא זיך אנגעהויבן צו פארנעמען מיט אנאטאמיע, וועלכע האט אים

אינטערעסירט קודם־כל ווי א מאָלער. אים איז קלאָר געווען, אז אָן אויסגעצייכנטע קענטענישן פון אנאַטאָמיע און פיזיאָלאָגיע פונעם מענטשן וועט ער נישט קענען געבן קיין רעאַליסטיש בילד פון דעם מענטשן אין אלע פּאָזיציעס פון זיין קערפּער, אין אלע זיינע האַנדלונגען און איבערלעבונגען. מיט אַנאַטאָמיע האָט מען זיך פאַרנומען אויך ביז לעאָנאַרדאָן, נאָר ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן פּאַלמעסן מתים און סיסטעמאַטיש פאָרשן דעם בוי און דאָס לעבן פונעם אָרגאַניזם. ס'איז באַקאַנט, אז דער שעפער פון דער אנאַטאָמישער וויסנשאַפט, דער אָנגעזעענער איטאַליענישער געלערנטער בעזאַלי האָט אין אזא גרויסער מאָס גענומען פון לעאָנאַרדאָס ליטעראַרישער ירושה, זיינע צייכענונגען און סקיצן, אז אייניקע פאָרשער זענען געניגט געווען צו באַשולדיקן בעזאַלין אין פּלאַגיאַטירן לעאָנאַרדאָן.

אין דער זעלבער צייט האָט ער אָפּגעגעבן א סך מי אויף צו שטודירן מעכאַניק און מאַטעמאַטיק. עס האָבן אים אינטערעסירט פראַגן פון פאַרטיידיקונג פון שטעט, פון שאַפן די בעסטע סיסטעם פון פאַרטיידיקונגס־איינריכטונגען, פראַגן פון דעם בוי פון פעסטונג־ווענט, טורעמס, באַסטיאָנען, ראָוועס א. ד. גל. פאַר איינוועגס האָט ער זיך אויך באַשעפטיקט מיט קאָנסטרואירן באַלאַגערונגס־מכשירים און איינריכטונגען. מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט האָט ער געשטודירט די קונסט פון אָפּגיסן האַרמאַטן. די כאַראַקטערישע שטריכן פון לעאָנאַרדאָס אינזשיניעריש־טעכנישן געני האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין זיין איינגעשפּאַרטן זוכן נייע קאָנסטרוקציעס, וועלכע באַזירן זיך אויף פּינקטלעכן אָנווענדן די געזעצן פון מעכאַניק, אויף דעם ברייט אויסגעשטעלטן פּרינציפּ פון עקספּערימענטירן און באַאָבאַכטונגען, דעם שטרעבן צו אויטאָמאַטיזירן דעם פּראָצעס. לעאָנאַרדאָ האָט געשאַפן צאָלרייכע פּראָיעקטן פון „אויטאָמאַטישן" געווער־זעלבסטשיסער, בויגן־וואַרפער, באָמבעוואַרפער, פוגאַסן און אפילו פּראָטאָטיפּן פון טאַנקען — בראָנירטע וואַגנס, וואָס האָבן, דורכרייסנדיק דעם פראָנט פון שונא, געעפנט דעם וועג פאַר די פוסגייער. לעאָנאַרדאָן אינטערעסירט דאָס פּראָבלעם פון ענערגעטיק. ער האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אז האַנט־אַרבעט, אפילו קאָאָפּערירטע, באַגרענעצט די אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פון דער געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט, אז מע מוז ברייטער אויסנוצן די נאַטור־כוחות (וואַסער, ווינט), זוכן נייע

ענערגיע-קוואלן. און ער האָט געשאַפן פּראָיעקטן פון נייע וואסער-און ווינט-איינריכטונגען, געטרוימט וועגן אויסנוצן די ענערגיע פון דער זון.

אין דעם מילאַנער פעריאָד (1482—1499) האָט לעאָנאַרדאָ באַזונדער אַ סך מי אָפּגעגעבן אויף באַאַרבעטן די טעאָרעטישע און פּראַקטישע מעכאַניק. ווי אַן עכטער וויסנשאַפטלער-נאָוואַטאָר, האָט ער זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשלאָסן אין דער שטילקייט פון זיין קאַבינעט אָדער לאַבאָראַטאָריע, נאָר תיכף אויסגעפּרוווט זיינע אַנטדעקונגען אין דער פּראַקטיק. פאָרמולירנדיק דיגרונט-געזעצן פון דער מעכאַניק — די טעאָריע פון שנעלקייט און דעם אינערציע-געזעץ, פאָרשנדיק די געזעצן פון דעם פאַלן פון קערפּערס אויף משופּעדיקער און ווערטיקאַלער פלאַך, באַשטימענדיק די געזעצן פון שווערקייט, שאַפנדיק צום ערשטן מאָל די וויסנשאַפטלעכע פאָרשטעלונג וועגן דעם ווידערשטאַנד פון שטאָפן, שטרעבט ער אַנצוווענדן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אויסגעפאָרשט און אַנטדעקט, ביים קאָנסטרואירן נייע מאַשינען. אים געהערט דעם ערשטן די אידעע פון אַנטדעקן די אייגנשאַפט פון אַ הייבער — די פשוטסטע אוניווערסאַלע מאַשין.

דאָס אויפמערקזאַמע פאָרשן די באָדנס פון פאַרשידענע געגנטן אין איטאַליע האָט אים צוגעפירט האַרט צו דער טעאָריע פון דער אַנטשטייונג פון פאַרשטיינערונגען און דער פאָרשטעלונג וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער ערד, וועגן די געאָלאָגישע שיכטן. א סך צייט און מי האָט לעאָנאַרדאָ אָפּגעגעבן די אַרבעט איבער דער פיזיאָלאָגיע פון געוויקסן, האָט געפאָרשט די דערשיינונגען פון העליאָטראָפּיזם, די ווירקונג פון דער זון, וואָסער און באָדן אויף זייער אַנטוויקלונג. ער איז דערגאַנגען האַרט צום פאַרשטיין די אַלגעמיינע פאַרבינדונג פון לעבעדיקע אָרגאַניזמען צווישן זיך.

דער קרייז פון זיינע אַנטדעקונגען איז כמעט אוממעגלעך ארומצונעמען. ווי א מענטש פון פּראַקטיק, האָט ער אויפמערקזאַם און עקשנותדיק געפאָרשט און געאַרבעט איבער דער פאַרפולקאָמונג פון פּראָדוציר-מכשירים. אים האָבן אינטערעסירט סיי פראַגן פון מיליטערישער טעכניק, סיי דאָס בויען פון געביידעס און קאַנאַלן. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אז לעאָנאַרדאָ, ווי ער זאָגט עס אליין, האָט זיך אָפט באַראַטן מיט פּשוטע מייסטערס, האַנטווערקער, סאָל-

דאַטן־אַרטילעריסטן. ווי אַ לײַדנשאַפֿטלעכער מוזיקאַנט, אַרבעט לעאָנאַרדאָ איבער דער פֿאַרפֿולקאָמונג פֿון דער האַרפֿע. אַ פֿאַרביסענער שונא פֿון די „געהײמע װיסנשאַפֿטן" ווי: אַסטראָלאָגיע, אַלכעמיע, כיראָמאַנטיע — איז ער געצוווּנגען געווען צו פֿאָרשן די נאַטור־געזעצן געהײם פֿאַר די שאַרפֿע בליקן פֿון די שפּיאָנען אין סוטאַנעס. ער האָט אָבסערווירט דאָס פֿליִען פֿון די פֿײגל און קאָנסטרוּאירט פֿלי־אַפּאַראַטן, שאַפֿנדיק דעם פּלאַנער און פּאַראַשוט. פּונקט אַזוי געהײם האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט פֿאַלמעסן מתים, ווײַל דאָס איז קאַטעגאָריש פֿאַרבאָטן געווען דורך דער קאַטוילישער קירך.

דעם פּילזײַטיקן אינטעלעקט פֿון לעאָנאַרדאָ האָבן צוגעצויגן פֿילאָלאָגישע אַרבעטן. נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז כמעט אַלע װיסנשאַפֿטלעכע טראַקטאַטן זענען אין יענער צײַט געשריבן געוואָרן אין דער לאַטײנישער שפּראַך, וועלכע איז געווען פֿולשטענדיק נישט צוטריטלעך פֿאַר דער מערהײט איטאַליענער (לעאָנאַרדאָ אַלײן האָט זײַנע פֿאַרצײכענונגען געמאַכט אויף איטאַליעניש), אַרבעט לעאָנאַרדאָ אויף צונויפֿצושטעלן אַ לאַטײניש־איטאַליענישן ווערטער־בוך און אַ גראַמאַטיק פֿון דער לאַטײנישער שפּראַך. נאָך אַ גרעסערן אינטערעס שטעלן מיט זיך פֿאָר זײַנע אַרבעטן בײַם צונויפֿשטעלן אַ געהעריקן ווערטער־בוך פֿון דער איטאַליענישער שפּראַך. לעאָנאַרדאָ האָט גלענצנד פֿאַרשטאַנען, ווי קײנער נישט פֿון זײַנע מיטצײַטלער, די רײן פּראַקטישע נויטווענדיקײט צו געבן די ברײטע לײענער־קרײַזן אַן אויסטײַטשונג פֿון די נײַע ווערטער און באַגריפֿן, וואָס האָבן זיך מאַסנווײַז אַרײַנגעגאָסן אין דער איטאַליענישער שפּראַך אין יענעם פּעריאָד פֿון געוואַלדיקן אויפֿשטײַג פֿון דער וויסנשאַפֿט און קונסט, צו שאַפֿן אַן אײנהײטלעכן אופֿן פֿון פֿאַרשטײן אַ רײ טערמינען, צו באַשטימען די בעסטע פֿאָרמען און וואַריאַנטן צום פּראַקטישן באַנוצן זיך מיט זײ. מיט דער פֿאַר אים כאַראַקטעריסטישער התמדה האָט ער געזאַמלט מאַטעריאַלן. ער האָט צונויפֿגעזאַמלט ביז צען טויזנט ווערטער און רײדאַרטן פֿאַר אַזאַ ווערטער־בוך, נאָר פֿאַרענדיקן אים (ווי איבעריקנס אַ סך אַרבעטן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן) איז אים נישט געלונגען.

ס׳איז אוממעגלעך אויסצורעכענען אַלע אַנטדעקונגען און דערפֿינדונגען פֿון לעאָנאַרדאָ, וואָס בלויז זײער רשימה וואָלט פֿאַרנומען צענדליקער זײַטן. מיר וועלן אָנרופֿן בלויז די וויכטיקסטע, אין

וועלכע ער האָט וווייט אריבערגעיאָגט זיין יאָרהונדערט. ער שטו־דירט און גיט די ערשטע פאָרמולירונג פון די געזעצן פון הידראָ־סטאַטיק, די געזעצן פון רייבונג, גיט די דעפיניציע פון די צענטערן פון שווערקייט פון קערפּערס, באַזונדערס פון פּיראַמידן, דערנענ־טערט זיך צום באַגריף פון סטאַטישן מאָמענט, דעם פּרינציפּ פון מעגלעכע איבערוועקסלונגען. ער שרייבט וועגן דער דיפראַקציע פון ליכט, באַאָבאַכטעט די דערשיינונגען פון קאַפּילאַרישקייט, זאָגט פאָרויס דעם געזעץ פון איינהייטן די ענערגיע, אָפּווארפנדיק די מעגלעכקייט פון שאַפן „אַן אייביקן באַוועגער". ער שאַפט א רי־זיקע צאָל נייע מעכאַנישע, פיזישע און כעמישע מכשירים און אפּאַ־ראַטן — אַ פּראָפּאָרציאָנעלן צירקל, אַן אַנעמאָמעטער, א מעכאַנישן בראָט־שפּיז און אַנד. אויפן געביט פון אַסטראָנאָמיע איז ער איינ־צייטיק מיט קאָפּערניקן, אָבער אומאָפּהענגיק פון אים, געקומען צו דער הנחה וועגן דער העליאָצענטרישן סיסטעם פון דער וועלט. דעם פּרינציפּ פון אומצאָליקייט פון די וועלטן, דער אומענדלעכקייט פונעם רוים. לעאָנאַרדאָ האָט געשריבן, אַרויסרופנדיק ווילדן צאָרן מצד די קירך־לייט און סכאָלאַסטיקער, אַז די ערד „געפינט זיך נישט אין צענטער פון אַ קרייז, פון דער זון, נישט אין צענטער פון דעם וועלט־אַל". ער האָט זיך שוין דערנענטערט צום געדאַנק, אַז די זון איז פונקט אַזאַ פּלאַנעט, ווי די ערד, און זיך געוואַקלט בלויז אין דער פראַגע צי באַוועגט זי זיך, צי נישט.

די באַדייטונג פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס שאַפן

א דענקער און געלערנטער, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיטן פאָלק, אַ קינסטלער, וואָס האָט אין זיינע ווערק אויף אַ געניאַלן אופן פאַר־קערפּערט די שיינקייט און קראַפט פונעם מענטשן, איז לעאָנאַרדאָ אויך אין זיינע געזעלשאַפטלעכע אָנשויונגען געווען אַ פאָרגעשריי־טענער מענטש פון זיין צייט. דער עגאָיסטישער מאָראַל פון די הער־שנדיקע קלאַסן שטעלט לעאָנאַרדאָ אַנטקעגן דעם טרוים וועגן אַן אַנדערער וועלט, אַ וועלט פון אַ פרייען מענטש, וועלכער נוצט ברייט אויס די נאַטור־כוחות, אַ מענטשן פון פרייד־יקער, ליכטיקער אַרבעט. די סיבה פון אַלע צרות און אומגליקן פונעם מענטש זעט

לעאנארדא אין דער מאכט פון גאלד, אינעם ווילדן געיעג נאך רווחים. דאס רייכטום, דער נישט געזעטיקטער דורשט נאך גאלד דעמאראליזירט די מענטשן, טויט אפ אין זיי אלע גוטע אייגנשאפטן, פארוואנדלט זיי פון מענטשן אין ווילדע, זינלאזע און פארדארבענע באשעפענישן.

„עס וועט ארויס, — האט געשריבן לעאנארדא דא ווינטשי — פון די פינצטערע, שרעקלעכע היילן דאס, וואס וועט ארייננווארפן דעם מענטשלעכן מין אין ריזיקע ליידן, סכנות און טויט. זיינע נאכפאלגער, וועט עס, נאך א סך ליידן, ברענגען פרייד, נאר ווער עס וועט נישט זיין זיינער קיין אנהענגער, וועט שטארבן אין ליידן און פיין. ער וועט באגיין אומענדלעכע פאראטן. ער וועט אויפהייבן און שטויסן פיל מענטשן צו מארד, רויב און פעלשונג. ער וועט איינפלאנצן חשדים צו די נאענטסטע. ער וועט צונעמען דאס לעבן ביי פיל מענטשן. ער וועט צווינגען די מענטשן צו האנדלען מיט א סך אינטריגעס, פאלשקייטן, פאראטן. א, חיה גרויזאמע! ווי בעסער ס'וואלט געווען פאר די מענטשן, ווען דו וואלסט זיך אומגעקערט אין גיהנום".

ווי א פארשטייער פון 15-טן יארהונדערט, האט לעאנארדא נישט פארשטאנען און נישט געקאנט פארשטיין, אז אינעם יסוד פון דער געזעלשאפטלעכער ארדענונג פון זיין צייט ליגט דאס אונטערדריקן מצד איין מענטש דעם צווייטן מענטשן, און דאס גאלד דינט בלויז ווי א מאטעריעלער אויסדרוק פון די דאזיקע געזעלשאפטלעכע באציונגען.

נאר אפילו נישט זעענדיק די אמתע סיבות פון דעם שלעכטס, האט לעאנארדא בייסיק אויסגעלאכט די גיריקייט און גרויזאמקייט נישט נאר פון די פעאדאלן, נאר אויך פון דעם נייעם קלאס — דער בורזשואזיע.

לעאנארדא האט געזען, אז זיינע גראנדיעזע פלענער זענען נישט פארווירקלעכט געווארן, אז די קליינלעכע, אייגננוציקע, פחדנותדיקע הערצאגן און פירשטן פון פלארענץ, מילאן און אנדערע (שוין אפגערעדט פון די פשוטע סוחרים), מענטשן, וואס באציען זיך מיט פאראכט צו אלץ, וואס איז ניי, האבן זיך אפגעזאגט צו פארווירקלעכן זיינע איינפאלן. נאר ער איז נישט אריינגעפאלן

אין פֿאַרצווייפֿלונג, נישט פֿאַרלוירן דעם מוט. להיפּוך צום טראַדיציאָנעלן שילדערן אים מצד די בורזשואַזע היסטאָריקער, וועלכע קאָנען בשום אופן נישט שלום מאַכן מיט אַזאַ גראַנדיעזע פיגור און באַמיען זיך אים כסדר אַראָפּצונידערן צום ניוואָ פֿון זייער באַגרענעצטקייט, האָט לעאָנאַרדאָ פֿאַרמאָגט אַ גיגאַנטישע קראַפֿט פֿון ווילן און פֿעסטן גלויבן אין דער באַדייטונג פֿון זיינע אַרבעטן פֿאַר דער מענטשהייט. ענגעלס האָט געזאָגט וועגן די טיטאַנען פֿון דער רענעסאַנס־עפּאָכע, אַז זיי „זענען געווען וואָס איר ווילט, אָבער נישט בורזשואַז באַגרענעצט". מיט צאָרן דעמאַסקירנדיק און קריטיקירנדיק די געזעלשאַפֿט פֿון זיין צייט, האָט לעאָנאַרדאָ, אין זיין טרוים וועגן אַ נייער, בעסערער צוקונפֿט, נישט געקאָנט און נישט געזען קיין אַנדערן וועג זי צו שאַפֿן, חוץ פֿאַרשפּרייטן די ווי־סנשאַפֿט. דער גלויבן פֿונעם גרויסן הומאַניסט אין דעם זיג פֿון דער וויסנשאַפֿט און די מעגלעכקייט פֿון איבערבויען די געזעלשאַפֿט מיט איר הילף איז געווען נאַיוו, אוטאָפּיש. אָבער די חלומות פֿון לעאָנאַרדאָ וועגן אַ יושרדיקער אָרדענונג, וועגן אַ געזעלשאַפֿט פֿון פֿרייע מענטשן, אין וועלכער אַרבעט וועט זיין אַ פֿרייד, און די וויסנשאַפֿט וועט באַקומען די מעגלעכקייט פֿאַר איר אַנטוויקלונג און דינען דעם פֿאָלק, זענען פֿאַרשטענדלעך און נאָענט דעם סאָוויעטישן מענטשן. אין דעם לאַנד פֿון סאָציאַליזם, ווי דורך דעם געניוס פֿון לענינען און סטאַלינען איז געשאַפֿן געוואָרן אַ געזעלשאַפֿט, וואָס האָט פֿאַרווירקלעכט די טרוימען פֿון די פֿאָרגעשריטענע גייסטער פֿון דער מענטשהייט, ווו ס'איז נישטאָ קיין עקספּלאָאַטאַציע פֿון מענטש דורך מענטש, האַלט דער געלערנטער פֿאַר זיין הויכן פֿליכט אָפּצוגעבן די פֿרוכטן פֿון זיין מי דעם פֿאָלק. די גרעסטע דערגרייכונגען פֿון דער וועלט־וויסנשאַפֿט און קונסט באַקומען זייער פֿאַרקערפּערונג אין די גראַנדיעזע פּלענער פֿון דער בויונג פֿון דעם קאָמוניזם. די סאָוויעטישע מענטשן שאַצן הויך די געניאַלע שעפֿער פֿון דער וויסנשאַפֿט און קונסט פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, וועלכע האָבן, אַזוי ווי לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, מיט זייערע אַרבעטן דורכגעלייגט אַ וועג צו אַ בעסערער צוקונפֿט פֿון דער מענטשהייט.

אַזעלכע זענען געווען דער לעבנס־וועג און די אַרבעטן פֿונעם גרויסן קונסט־מייסטער, געלערנטן און אינזשעניער. זיין גאַנץ לעבן איז לעאָנאַרדאָ געגאַנגען נאָר פֿאָרויס. נישט די פֿאַרפֿאָלגונגען, נישט דער אומחסד פֿון די „באַלעבאַטים", נישט די דראָונגען פֿון די

קירך-לייט, נישט דער נסיון פון גרויסע פאַרמעגנס — קיין שום זאַך האָט אים נישט געקאָנט צווינגען אַראָפּצוגיין פון זיין וועג, אָפּזאָגן זיך פון דעם, אין וועלכן ער האָט געגלויבט און צו וועלכן ער האָט געדינט. אָן אויפהער צו פאַרפולקאָמען זיינע קענטעניש, זיין מייסטערשאַפט — אָט דאָס איז דער ציל פון זיין לעבן. ער האָט געלערנט סיי זיך אליין, סיי זיינע תלמידים צו באַציִען זיך קריטיש צו דעם דערגרייכטן, נישט צו באַרואיקן זיך דערמיט, כדי צו שאַפן נאָך בעסערס. „אַ קינסטלער, וואָס האָט קיינמאָל נישט געצווייפלט, — האָט ער געזאָגט, — דערגרייכט נישט קיין סך... ווען דאָס ווערק שטייגט איבער דעם פאַרטראַכט פון דעם קינסטלער, איז זיין ווערט נישט קיין גרויסער. ווען אָבער דער פאַרטראַכט איז באַדייטנדיק העכער פון דעם באַשאַפענעם, קאָן די קונסט-שאַפונג זיך פאַרפולקאָמען אומענדלעך. ווען דער פאַרטראַכט פאָדערט מער, ווי דאָס געשאַפענע — איז דאָס אַ גוטער סימן. אויב עמעצער וועט זיך ביים דאָזיקן כלל האַלטן פון זיינע יינגסטע יאָרן, דער וועט אָן ספק ווערן אַ גרויסער מייסטער". אַזעלכער איז נעמלעך געווען לעאָנאַרדאָ אַליין. ער האָט פון די יינגסטע יאָרן אָן געשטרעבט צום ברייטסטן און טיפסטן דערקענען די וועלט און צו איר פולסטער, עכטער אָפּשפּיגלונג אין דער קונסט.

גרויס איז דער באַדייט פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי אין דער געשיכטע פון דער קולטור. ער איז גרויס קודם-כל ווי אַ קינסטלער — אַ שעפער פון וועלט-באַרימטע קונסט-שעדעווערן. ס'איז גרויס און פרוכטבאַר זיין השפּעה אויף אַנדערע מייסטער פון דער קונסט, דערפאַר פאַרדינט ער פולשטענדיק די אָנערקענונג פאַר דעם בעסטן פאָרשטייער פון דער רענעסאַנס-עפּאָכע. צווישן די דריי גרויסע קלאַסישע מאָלער פון דער רענעסאַנס-עפּאָכע. דאַ ווינטשי, ראַפאַעל און מיקל אַנדזשעלאָ — פאַרנעמט ער דאָס ערשטע אָרט. דער באַקאַנטער ביאָגראַף פון ראַפאַעלן וואַזאַרי דערציילט: „ווען ראַפאַעל האָט דערזען די ווערק פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין גלייכן צו זיך, לויט דער אויסדריקלעכקייט פון די געזיכטער, סיי פון מאַנצבילן, סיי פון פרויען, און וואָס האָט מיט דער פּראַכט פון די פיגורן און זייערע באַוועגונגען איבערגעשטיגן אַלע אַנדערע מאָלער, האָט לעאָנאַרדאָס מאַניר אים געוואַלדיק איבערראַשט און דערשטוינט. אַזוי ווי ער איז אים געפעלן געוואָרן מער פון יעדן אַנדערן, האָט ער גענומען אים

שטודירן... און געפּרוווט מיט אלע זיינע כוחות נאָכמאַכן לעאָנאַר־דאָן אַליין". אַ מעכטיקן איינפלוס האָט לעאָנאַרדאָ געהאַט אויף מיקל אַנדזשעלאָן. אַלע קינסטלער פון די שפּעטערדיקע צייטן האָבן מיט גרויסער אויפמערקזאַמקייט און פלייסיקייט געשטודירט די אומשטערבלעכע ווערק פון לעאָנאַרדאָן, אַרויסבאַקומענדיק פון זיי תמיד עפּעס נייעס, וואָס האָט באַרייכערט זייער שאַפונג. גרויס איז לעאָנאַרדאָ אויך אין דער געשיכטע פון דער וויסנשאַפט. מיט זיין געניאַלן דורכדרינגענדיקן געדאַנק איז ער טיף אַריינגעדרונגען אין די דערשיינונגען פון דער נאַטור, האָט באַוויזן צו מאַכן אַ סך דער־פינדונגען, וואָס האָבן באַרייכערט די וועלט־וויסנשאַפט און זי אַ רוק געטאָן פאָרויס.

לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי איז געווען אַ גרויסער זון פון דעם רומפולן איטאַליענישן פאָלק, איינער פון די בעסטע פאָרשטייער זיינע, זיין געניוס, זיינע שאַפונגען געהערן דעם איטאַליענישן פאָלק און די פעלקער פון דער גאַנצער וועלט. מיליאָנען אַרבעטס־מענטשן פון לעאָנאַרדאָס לאַנד, נישט געקוקט אויפן פאַראַט פון דער הערשנדיקער קליקע, נישט געקוקט דערויף, וואָס די איטאַ־ליענישע שטעט זענען פול מיט אַמעריקאַנער סאָלדאַטן און די פּאָרטן — מיט אַמעריקאַנער שיפן, פירן אַן אומדערמידלעכן, עקש־נותדיקן קאַמף פאַר שלום, פאַר דעמאָקראַטיע. דער דאָזיקער גייסט פון קאַמף, דער גייסט פון אָפּטימיזם, דער טיפער גלויבן פון דעם פאָלק אין דעם זיג פון זיין גערעכטער זאַך האָבן אויך באַפליגלט לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשין. די באַדייטונג פון לעאָנאַרדאָן אין דער געשיכטע פון דער וועלט־קולטור איז אומגעהויער גרויס. אָט פאַר־וואָס די גאַנצע פאָרגעשריטענע מענטשהייט מערקט פייערלעך אָפּ דעם 500־טן געבוירן־טאָג פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי „דעם קינסט־לער, וואָס זיינע פּיליטיקע באַגאַבונגען האָבן זיך אויסגעדרוקט גלייכצייטיק אין שעדעווערן פון מאָלעריי און אין זיין שעפערישן געדאַנק, וועלכער איז געווען דער פאָרויסזאָגער פון די היינטצייטיקע דערפינדונגען", ווי עס האָט כאַראַקטעריזירט די באַדייטונג פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס שאַפן דער פאָרזיצער פונעם אַלוועלט־לעכן שלום־ראַט פּראָפעסאָר זשאָליאָ קירי אין זיין ווענדונג צו די פעלקער פון דער וועלט. לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי האָט אַריינגע־בראַכט אַ ריזיקן צושטייער אין יענער וועלט־קולטור־ירושה, וועל־כע „דערמעגלעכט, — לויט די ווערטער פון זשאָליאָ קירי, —

מענטשן פון פארשידענע עפאכעס צו דערקענען איינער דעם צווייטן, אויפצוכאפן אין דער איצטיקער צייט דעם פאדעם, וואס פארבינדט זיי. זי עפנט פאר זיי פערספעקטיוון פון אלגעמיינער איינשטימיקייט און פארשטענדעניש. זי באפעסטיקט יעדע מינוט אין זיי דעם גלויבן אינעם מענטשן אין יענעם מאמענט, ווען די דאזיקע קעגנזייטיקע פארשטענדעניש איז מער ווי ווען עס איז נויטווענדיק".

אינהאַלט:

זייט

די רענעסאַנס־עפּאָכע. דער לעבנס־וועג פֿון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, זיין וועלט־אָנשויונג 5

לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי דער קינסטלער 18

לעאָנאַרדאָ דאַווינטשי — דער געלערנטער און אינזשיניער 30

די באַדייטונג פֿון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס שאַפֿן 36